STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11182

HARBST-SHOTNS

A. Pechepiorka

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. פּשעפּיורקאַ.

הארבסט־שאטנס

---

22 וו אַ ר ש ע 19

אלע רעכט פון איבערזעצן
געהערן דעם מחבר.

Copyright 1922
by Sol Sheikewitz
New-Jork.

דרוקעריי
„רעקארד"
ווארשע, דזיקע 18.

אינהאַלט:

אין זומפּ . . . . 7—22

אַ יידישע פּרי . . . . 25—31

א י ן ש ט ע ט ע ל (שטריכען פון דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט)

I די מאָביליזאַציע . . . . 35—41

II דער איינציקער פּרייוויליקער . . . . 42—51

III באַרג אַראָפּ . . . . 52—63

אַ שטראַל . . . . 67—80

אין זומפ

א י ן ז ו מ פּ.

געווען איז עס מיט אַ יאָר צען צוריק, חול המועד סוכּות. כ׳האָב צופעליק דערזען אין אַ יידישער צייטונג אַ מודעה: „דאָס שטעטל .N זוכט אַ לערער, וואָס זאָל אַ חוץ אַלגעמיינע לימודים אויך קאָנען העברעיש. מיט אָפּערטן זיך ווענדן צום בוכהאַלטער פון ליי און שפּאָר־קאַסע ה׳ שימעון זעליגמאַן“.

כ׳ווייס נישט וואָס ס׳איז מיט מיר דעמאָלט געווען, נאָר די „מודעה“ האָט מיר עפּעס ווי אַ פּיק געגעבן אין האַרץ — גלייך ווי זי וואָלט מיר דערמאָנט אָן עפּעס זייער אַ נאָענטע און דערביי דאָך אַזוי שטאַרק פאַרגעסענע זאַך — דאָס שטעטל. כ׳בין געווען שוין אַזוי ווייט אָפּגעריסן דערפון, און דאָך האָט מיך נישט אויפגעהערט צו ציען דערצו...

די לעצטע עטלעכע יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין דער גרויסער שטאָט אַלס עקסטערן, ווו כ׳האָב טאָג און נאַכט געזשווערעוועט און געשלונגען די פאַרשיידענע „אוטשעבניקעס“. — ערשט היינטיקן אויגוסט באַקומען מאַטורע. די גרויסע שטאָט האָט מיך דעריבער אינגאַנצן איינגעשלונגען, הגם כ׳האָב פון איר גאַנץ ווייניק געזען. דאָס שטעטל, אַזוי ווי אַלץ וואָס איז געווען מיחוץ פון מיין „עקסטערניטשייען“ און „אוטשעבניקעס“, האָט פאַר מיר נישט עקזיסטירט — כ׳האָב אָן דעם אינגאַנצן פאַרגעסן.

ערשט די מודעה האָט מיר צוריק דאָס שטעטל, ווו כ׳האָב די קינדער־יאָרן פאַרבראַכט, אין זכּרון אויפגעלעבט.— אַ שטראָם פון דערינערונגען און איבערלעבונגען האָט אַ פליס געטון אין קאָפּ.

ס'האָט זיך מיר פאַרבענקט אַ קוק צו טון דערויף און זען, ווי וועט עס יעצט באַ מיר אויסזען מיט זייגע האלב פאַרחלומטע הייזלעך... אַגב בין איך אויך דעמאָלט געווען אַן מיטלען צום לעבן און האָב סיי ווי סיי געזוכט ערגעץ אַ „קאָנדיציע" אויפן ווינטער... כ'האָב דאַריבער נישט לאַנג געקלערט און אָנגעשריבן שימעון זעליגמאַנען אַ בריוו, אַז כ'בין גרייט צו קומען אלס לערער, אויס־רעכענדיק, דערביי מיינע מעלות: געענדיקט אַ גימנאַזיע, באַזיץ גוט העברעיש, האָב גוטע פעדאַגאָגישע פעיקייטען און נאָך אַ גאַנצן צעטל, וואָס האָט געדאַרפט צוגעבן חשק אָפּצושטעלן זיך אויף מיין קאַנדידאַטור...

דער ענטפער האָט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן, — שוין אין פינף טעג אַרום האָב איך דערהאַלטן אַ פּאָסטקאַרטל, פונ'ם זעלבן שימעון זעליגמאַן מיט אַ קיילעכיקען בלויען שטעמפּל פון ליי־ און שפּאַר־קאַסע, אַז כ'קאָן תיכף קומען. פאַרפאָרן זאָל איך טאַקי גלייך צו אים, ווו כ'וועל קענען וווינען צוזאַמען מיט אים.

און שוין אין די ערשטע טעג פון חשוון האָב איך מיטגע־נומען מיין פּעקל באַגאַזש, וואָס איז באַשטאַנען: פון אַ פּאָר לער־ביכלעך אָן טאָוולען, אַ כמעט נאָך נייע אַלגעברע, צוויי בענדער דאָסטאָיעווסקי און אַ באַנד ביעלינסקי, אַן אויסגעריבענעם שוואַרצן אנצוג, אַ קישן און אַ קאָלדרע; איינגעפּאַקט אַלץ אין אַ הילצער־נעם סאָלדאַטסקן קעסטל, וואָס איז געווען אַרומגעגייט מיט לייוונט פון אַן אַלטן צוקער־זאַק און בין אַוועקגעפאָרן אין שטעטל...

פאַרפאָרן בין איך גלייך צו זעליגמאַנען, וועלכער האָט גע־וווינט אין עק מאַרק, באַלד נאָכן שליאַבאַן, אין אַ קליין נידעריק הייזל... אַ צימער האָט ער געהאַט אַ גרויס, נאָר אַ נידעריקס; צוויי קליינע פענצטערלעך זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן מאַרק... אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַן אַלטער אויסגעבויגענער אייוון... די ווענט זענען געווען אויסגעקאַלעכט פריש, נאָר אַזוי טונקל־בלוי, אַז זיי האָבן אַזש אַ מרה שחורה אָנגעוואָרפן... אין מיטן צימער איז גע־שטאַנען אַ טיש מיט טיפע שניטן פון אַ פּען־מעסערל, קענטיק, אַז דאָס האָט עמיצער פון לאַנגווייליקייט זיין נאָמען און אַנדערע

איניציאַלן אויסגעשניצט. לעבן אויוון איז געשטאַנען אַן אַלט הילצערן בעט, די פּאָדערשטע פיסלעך צעבראָכען און אָנגעשפּאַרט אויף צוויי דיקע קלעצלעך. ווייטער, צו דער טיר צו, איז געשטאַנען אַן אַרומגעריסענע קאַנאַפּע, אויף וועלכער ס'זענען נאָך געווען סימנים פון שוואַרצע צעראַטע און ס'האָבן אַרויסגעשטאַרט שטיקער שמאַטעס און וואָל... אין מיטן שטוב, אין אַ בלעכן קיילעכיק רעמל אַרומגעוויקלט מיט קאָלירט פּאַפּיר אויף אַ דראָטל, אָנגעטשעפּעט אינם סופיט, איז געהאָנגען אַ נאַפט-לעמפּל און גרויסע שוואַרצע פלעקן פון קאָפּיטש האָבן אַרומגעצייכנט דעם סופיט...

די פּאָדלאָגע איז געווען נישט קיין גלייכע, ערטערווייז האָ געפעלט גאַנצע שטיקער ברעטער... אויף דער חאַנט, אַנטקעגן בעט, זענען געהאָנגען עטלעכע בילדער פון יידישע שרייבער און אויף אַ קליין אָפּגעפּאָליטורט טישל, וואָס איז געשטאַנען לעבן בעט, האָבן זיך געוואַלגערט אין אומאָרדנונג עטלעכע ביכלעך, אַ שפּיגעלע און אַן אַלבאָם...

זעליגמאַן האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט. — גלייך ווי כ'האָב די טיר געעפנט, איז ער מיר אַקעגן געלאָפן, פעסט געדריקט מיר די האַנט און שטיל געמורמלט: „אָ, גוט וואָס איר זענט געקומען, זייער גוט, זייער גוט“...

זעליגמאַן איז געווען אַ הויכער, דאַרער, ברונעטער יונגערמאַן מיט אַ פּאָר ברילן אויף דער עטוואָס קרומער, לענגלעכער נאָז; די האָר אַביסל צעשויבערט און לאַנג, אַזוי אַז פונם ערשטן בליק האָט מען נישט געקאָנט וויסן צי טראָגט ער זיי לשם קאָקעטעריע, אָדער ר'איז גלאַט פויל זיי אָפּצושערן; אויגן טיפע און גרויע, וואָס קוקען מייסטנס שטאַר, אומבאַוועגלעך פאַר זיך און אַ שטערן, אין וועלכן ס'פלעגן זיך באַווייזן טיפע קנייטשן, ווען ר'האָט די אויגן אויפגעהויבן.

ס'איז אין אים נישט געווען גאָרנישט אַזעלכעס, וואָס זאָל איבעראַשן אָדער צוציען צו זיך, און דאָך האָט זיין אויסזען אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק. איבערהויפּט די אויגן זיינע, אין וועלכע ס'איז געלעגן אַן אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג און צוזאַמען דערמיט אַ שטאַרקער באַגער צו לעבן...

די ערשטע באַגעגעניש אונדזערע איז געווען זייער אַ קורצע. זעליגמאַן האָט זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט: ער מוז מיך אויף אַ פּאָר שעה איבערלאָזן אַליין, ער מוז גיין אין ליי- און שפּאָרקאַסע...

זעליגמאַן איז אַוועק און איך האָב מיר צוגערוקט אַ בענקל צום פענצטער, אויפגעעפנט און אַרויסגעקוקט אין מאַרק...

ס'איז געווען אָנפאַנג האַרבסט, די ערשטע טעג פון חשוון. דאָס שטעטל האָט זיין אויסזען מיטאַמאָל איבערגעביטן. — דער הימל האָט זיך מיט אַ בליי איבערגעצויגן; ס'האָט אָן אויפהער גערעגנט און די טראָפּנס האָבן מאָנאָטאָננע אין די דעכער אָפּגעקלונגען... עפּעס אַ בייזער ווינט האָט זיך איבערן שטעטל געטראָגן און מיט כעס די לאָדנס און די דעכער געריסן... די הייזלעך זענען ווי פאַרשלאָפענע, צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע געשטאַנען... דער ברייטער מאַרק האָט אויסגעזען ווי פאַריתומט. — טרויעריק שטייען-אום די געוועלבלעך, דער קלויסטער איז מרה-שחורה'דיק אַמאָל גיט מען אים אויבן אַ צי באַם גלאָק, און ער גיט אַרויס טרויעריקע מעלאַנכאָלישע טענער, גלייך ווי ער וואָלט פון זיין הויכן טורעם באַקלאָגן דאָס פאַרחושכטע שטעטל... אַרום דער פּלומפּ איז יעצט פּוסט, בלויז אַ טיפע קאַלוזשע... פריער פלעגן דאָ מיסתם שטיין רעדלעך יידן — איצט גייען זיי שוין באַצייטנס אין די ווינטער-שפּענצערס... אַן אַלטע קרעמערקע וואַרעמט זיך שוין באַ א פייער-טאָפּ... ווי אבלים שטייען די ביימער אין די זייטן מאַרק, נאַקעטע, פאַרלאָזטע און אַרום זיי וואַלגערן זיך אין בלאָטע הויפנס געלע בלעטער...

די גאַנצע צייט, וואָס כ'בין געפאָרן אין שטעטל, בין איך געווען אין אַ זייער געהויבענער שטימונג, — כ'האָב מיך שוין פּשוט נישט געקאָנט דערוואַרטן די מינוט כ'זאָל עס שוין זען. נאָר יעצט, צוקוקנדיק זיך צום שטעטל אין זיין פּאַנאָראַמע, האָט מיך מיט אַמאָל מיינע גוטע שטימונג פאַרלאָזן; כ'האָב מיך ווי דערשראָקען פאַרן געדאַנק, אַז אָט אין דעם זומפּ וועל איך מוזן פאַרברענגען אַ לאַנגן קאַלטן ווינטער מיט זיינע מוראדיקע לאַנגע פינסטערע נעכט.

איך האָב פלוצלונג דערפילט אַ שטאַרקע מידקייט אינם גאַנצן קערפּער, — כ'האָב זיך פלוצלונג דערמאָנט, אַז כ'בין די פריערדיקע נאַכט אויך נישט געשלאָפן צוליב די הכנות צו דער רייזע... כ'האָב פאַרמאַכט דאָס פענצטער, אויסגעצויגן זיך אויף דער אַרומגעריסענער קאַנאַפּע, צוגעדעקט זיך מיט מיין קאָלדרע און באַלד געשמאַק איינגעשלאָפן.

כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט ערשט נאָך האַלבער נאַכט. אין צימער איז שטאַרק פינצטער, פונם ווינקל ווו ס'איז געשטאַנען דאָס בעט, האָט זיך געהערט אַ שווער כראָפּען. פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן דאָס בייזע ריטשען פונ'ם ווינט... כ'האָב דעם קאָפּ גוט איינגעטוליעט אין דער קאָלדרע, גלייך ווי כ'וואָלט זיך פאַר עפּעס וועלן באַהאַלטן און געסטאַרעט זיך ווידער איינצושלאָפן, נאָר כ'האָב נישט געקאָנט...

זעליגמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי, ס'האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו טאָגן, און באַמערקנדיק, אַז איך שלאָף שוין נישט, האָט ער מיך געפרעגט, ווי כ'פיל זיך און ווי ס'געפעלט מיר דאָס שטעטל.

ווי מיר געפעלט... איך קען דאָך עס נאָך גאָרנישט. כ'וואָלט טאַקי אַ בעלן געווען זיך אַביסל איבערגיין און אָנקוקן מיין נייען מקום מנוחה.

מיר האָבן זיך אָנגעטון און אַרויס אין גאַס.

אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל... דער האַרבסט-מאָרגן, אַ גרויער און אַ נעפּלדיקער, האָט זיך זייער פּאַמעלעך צום שטעטל צוגערוקט... דאָס שטעטל איז נאָך געשלאָפן. נאָר ערגעץ-ווו האָט זיך שוין אַ לאָדן פון אַ פענצטער געעפנט און אַ קאָפּ האָט אַרויס געקוקט צי ס'טאָגט שוין... באַלד האָט זיך אין מיטן מאַרק מיקיטאַ, דער שטאָט-פּאַסטוך, באַוויזן און מיט די משונהדיקע-האַלב-אָפּגעריסענע באַסאָווע קולות פון זיין טראָמבקע גערופן די באַלעבאַטים אויפצושטיין און אַרויסלאָזן זייערע בהמות אויפן „פּאַסטעווניק"... נישט יעדן אָבער האָט זיך עס געגלוסט — אויף די פעלדער איז שוין מער בלאָטע ווי גראָז געווען... פון ערגעץ אַ פּאָדווירעל טרייבט נאָך אַ פאַרשלאָפענער ייד אונטער זיין בהמה, רייבנדיק זיך אַלע ווײַלע די אויגן און גענעצנדיק אויפן קול.

ביסלעכווייז האָט זיך דאָס שטעטל אָנגעהויבן צו באַוועגן: לאָדנס האָבן זיך גענומען עפענען... אין מיטן מאַרק שטייט אַ גוי מיט אַ פֿור האָלץ, וואָס ר'האָט בגנבֿה ביינאַכט אין פּריצס וואַלד אָנגעהאַקט און געבראַכט פֿאַרקויפֿן.— יידן מיט טלית=ותּפֿילין=זעקלעך אונטער די אָרעמס גייען אַדורך, באַטראַכטן דאָס האָלץ, פֿרעגן אַ פּרייז און גייען ווייטער...

זעליגמאַן האָט מייסטנס געשוויגן און נאָר זעלטן האָט ער אַרויסגעשטאַמלט אַ וואָרט, ווען ר'האָט מיר אָנגעוויזן אויף עפּעס, ווי אויף אַ זעענסווירדיקייט אין שטעטל... „איר זעט—האָט ער מיר נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף אַ הויפֿן געלע אָפּגעפֿאַלענע בלעטער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין בלאָטע, — קיין שום זאַך רופֿט נישט בײַ מיר אַרויס אַזאַ טרויעריקע שטימונג, ווי אָט דאָס, וואָס וואַלגערט זיך דאָ אין בלאָטע — ערשט נעכטן געבליט, געגרינט, ערשט נעכטן פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם מיט זייער אַראָמאַט, און היינט... אַ יאָ? דאָס איז דאָך דער סימבאָל פֿון אונדזער נישטיקער עקזיסטענץ”...

איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַ קוק געגעבן אויף אים און אַ קעלט איז מיר דורכגעלאָפֿן איבערן גאַנצן לייב — עפּעס האָבן זיינע אויגן אויסגעדריקט אַזוי פֿיל ליידן און פֿאַרצווייפֿלונג... כ'האָב געוואָלט אים עפּעס זאָגן אַזוינס, וואָס זאָל אים כאָטש אויף אַ רגע גרינגער מאַכן, נאָר כ'האָב גאָרנישט געקאָנט אויסגעפֿינען...

אַז מיר זענען צוריקגעגאַנגען איז שוין געווען העלער טאָג... פֿון אונטער די ברודיקע וואָלקנס האָט זיך ערגעץ אַרויסגעזען אַ פֿלעק בלויער הימל, וואָס האָט נאָך בולטער געמאַכט דאָס פֿאַרחושכקייט... די געוועלבלעך זענען שוין אָפֿן געווען און פֿון די טירן, איינגעטוליעט אין די וואַטענע ווינטער=שפּענצערס, די הענט אין די אַרבל פֿאַרשטעקט, האָבן די קרעמערס אַרויסגעקוקט... אין מיטן מאַרק איז געשטאַנען איטשע=פּייוול בעל=עגלהס בויד, וואָס פֿירט פּאַסאַזשירן צו דער נאָענטער באַן=סטאַנציע; יידן גייען שוין צוריק פֿון דאַוונען, שטעלן זיך אָפּ אַ ווײַלע בײַ דער בויד,—הייבן אונטער אַביסל די לייוונטענע דעק, כאַפּן אַ בליק אינווייניק אַריין און גייען ווייטער זייער וועג... אַ קצבֿ פֿירט=דורך, בײַ אַ שטריקל

אַרום העלדזל, אַ קעלבל אין שעכט־הויז אַריין. דאָס קעלבל, גלייך ווי ס׳וואָלט וויסן וווהין מ׳פֿירט עס, רייסט זיך, דרייט מיטן עק, לאָזט אַרויס אַלע מאָל אַ מע־מע און וויל נישט... דער אוריאַדניק, אַ געזונטער, רויטער עשיו אין אַ פּאָר גרויסע שטיוול מיט לאַקירטע כאָלעוועס שפּאַנט זיך לאַנגזאַם, מעשה־שררה, איבערן שטעטל, כאַפּט אַ בגנבֿהשן בליק אַמאָל אין אַ געוועלבל, אָדער דראָט עמיצן מיט אַ פֿינגער און גייט ווייטער...

מיר זענען אַריין אין אונדזער צימער כמעט נישט רעדנדיק איינער מיטן צווייטן. זעליגמאַן האָט מיך מער נישט געפֿרעגט ווי ס׳געפֿעלט מיר דאָס שטעטל. ר׳האָט אָנגעצונדן אַ נאַפֿט־מאַשינקע, אויפֿגעקאָכט קאַווע און, אַרויסנעמענדיק פֿונם טישקעסטל אַ האַלבווייס ברייטל, אַ דאַר קעזל און אַ מעסער מיט אַ הילצערן הענטל, האָבן מיר זיך געזעצט צום פֿרישטיק.

אין עטלעכע טעג אַרום, קומענדיק איינמאָל ביינאַכט אַהיים פֿון די לעקציעס, האָב איך זעליגמאַנען געטראָפֿן ליגנדיק אויסגעצויגן אויף די קאַנאַפּע, די הענט אונטערגעשפּאַרט אונטערן קאָפּ, און אַרום אים אַ נעבל פֿון פּאַפּיראָסן־רויך.

אין צימער איז געווען האַלב־טונקל. דאָס הענג־לעמפּל האָט אַ שוואַכן שיין אַרום זיך געוואָרפֿן. אויף די ווענט האָט מיין שאָטן, אַ שוואַרצער סילועט מיט אַ מאָדנע גרויסן קאָפּ, אַרומגעבלאָנדזשעט. אַ דריקנדיקע שטילקייט האָט דאָס צימער אָנגעפֿילט און אַ מרה־שחורה אָנגעוואָרפֿן...

— זעליגמאַן, וואָס זענט איר אַזוי טרויעריק, — האָב איך מיט אַ געדעמפּטן קול, כּדי די שטילקייט איבערצורייסן, אָנגעהויבן, און כ׳האָב זיך גלייך אַליין דערשראָקן פֿאַר מיין אייגן קול — ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די שטילקייט איז עפּעס אַ געדיכטע זאַך און מיין קול שניידט זיך אין איר אַריין ווי מיט אַ טעמפּן מעסער.

— עט, לאַנגווייליק, — האָט זעליגמאַן שטיל און לאַנגזאַם געענטפֿערט, — ס׳איז אַ לאַנגווייליקע זאַך דאָס לעבן איז!

— מ'דאַרף נעמען דאָס לעבן אַזוי ווי עס שטייט און גייט,— האָב איך אים געפּרוווט אָפּוּוענדן.

—איר גלייבט דאָך אַליין נישט אין דעם,—האָט ער מיט אַ גיפטיקן שמייכל אַ זאָג געטון. — נעמען פון לעבן וואָס עס גיט, כאַ־כאַ־כאַ —האָט ער קינסטלעך, כדי מיך צו דערצערנען, זיך צע־לאַכט, — און אויב דאָס לעבן גיט אייך גאָרנישט; און אויב דאָס וואָס דאָס לעבן גיט אייך איז נישט ווערט, אַז איר זאָלט זיך די הענט איינשמירן...

— זויערער, קליינשטעטלדיקער פּעסימיזם — האָב איך אים, כדי צו באַצאָלן פאַר זיין ביטול־געלעכטער, אַ זאָג געטון.

— פּיליכט, מיין ליבער פריינט,—האָט ער שוין ווייכער, מיט אַ שוואַכן זיפץ אָפּגעענטפערט.

איך האָב אין דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט דערקענט, אַז ר'איז יעצט אויפגעלייגט צו רעדן, וואָס פּלעגט זיך מיט אים טרעפן זייער זעלטן, און האָב באַשלאָסן אַרויסצורופן אים אויף אָפנהאַרציקייט, וואָס האָט זיך מיר אויך זייער לייכט איינגעגעבן.

—מיין „לעבנס־געשיכטע",—האָט ער האַלב איראָניש האַלב ערנסט אָנגעהויבן,—ווילט איר וויסן. איר מיינט אַוודאי, דאָס מיין אומעט נעמט זיך דערפון, וואָס כ'האָב עפּעס איבערגעלעבט, ווי די העלדן אין די ביכלעך, עפּעס אַ שרעקלעכע טראַגעדיע... אָ, ניין, מיין ליבער פריינט, מיין פּעסימיזם איז דווקא דערפאַר, ווייל כ'האָב אינגאַנצן נישט קיין „לעבנס־געשיכטע". נישט שרעקלעך איז די טראַגישסטע איבערלעבונג, ווען זי רירט נאָר אָן עפּעס אַ סטרו־נע אין האַרץ, ווען זי לאָזט איבער עפּעס אויף דער נשמה; מעג עס זיין: פאַרביטערונג, שרעק, פאַרצווייפלונג, אַבי נישט גלייכגיל־טיקייט, אַבי נישט פילן, לעבעדיקערהייט צו זיין באַגראָבן...

— ס'זענען פאַרהאַנען, ליבער פריינט, האָט ער מיט נאָך אַ נידעריקערן טאָן צוגעגעבן, —מינוטן, ווען דו רופסט דעם אומעט ר'זאָל קומען און ס'ווילט זיך, אַז דאָס האַרץ זאָל אַזוי נאָגן, באַגן, און אַ טרויער אַ אומענדליכער זאָל דיך פרעסן; אַז יעדער פונק פון האָפענונג זאָל באַ דיר פלוצלינג, מעטעאָריש אויסגעלאָשן ווערן און פינצטער זאָל ווערן. אַ געדיכטע פינצטערניש, און אומגליק־

לעך, איינזאַם, פאַרלאָזן ווי אַ פאַר'יתמ'ט קינד זאָלסטו זיך דאַן פילן... אָבער דער אומעט אין אַזעלכע מינוטן, ווי אויך צו להכעיס, קומט נישט, און אין מוח איז נאָר דאָ אַ פוסטקייט, לער איז דאָרט: נישט קיין פריילעכע, נישט קיין טרויעריקע געדאַנקען קומען דיר אויפן רעיון. מיטאַמאָל, ווי דער מוח וואָלט אינגאַנצן זיין פונקציע אָפּגעשטעלט, און ס'ווילט זיך גאָרנישט און ס'פאַרלאַנגט זיך גאָרנישט — אַ לעבעדיקער מת....

אָנגעקומען איז דער ווינטער, אַ לאַנגער, אומעטיקער און לאַנגווייליקער ווינטער... דעם טאָג האָט נאָך יעדער פון אונדז אַדורכגעשטופּט .ווי ר'האָט געקענט, באַשעפטיקט זיך מיט זיין אַרבעט — איך אויף לעקציעס, פּריוואַטע און אין דער שטעטלדיקער תּלמוד־תּורה; זעליגמאַן אין „בענקל", ווי מ'פלעגט אין שטעטל רופן די ליי־ און שפּאָר־קאַסע, אַבי איבערצוקומען די צייט... איז אָבער צוגעפאַלן די נאַכט, איז דאָס גאַנצע שטיבל, אַזוי ווי מיט אַלערליי בייזע רוחות פון יענער וועלט, פול געוואָרן... איך פלעג מיך מערסטנס אויסציען אויף דער סאָפע און רויכערן, אָדער קוקן אין איין פונקט... זעליגמאַן פלעגט מיט זיך מיטנעמען לאַנגע פּאַפּירן פון ליי־ און שפּאָר־קאַסע, אויף וועלכע ער פלעגט עטלעכע מינוט שרייבן און דערנאָך מאַכן אַ גרויסע פּויזע — אַרומשפּאַנען איבערן צימער פון איין ווינקל צום אַנדערן, און דערנאָך זיך ווידער אַנידערזעצן באַם טישל, שרייבן ציפערן אויף די גרויסע, ליניירטע פּאַפּירן, אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז מיר פלעגן ביידע איינשלאָפן אין אָנטועכץ, איך אויף די סאָפע און ער —אויפן בעט...

ביסלעכווייז האָב איך מיך אַליין אויך אָנגעזאַפּט מיט מיין חברס לאַנגווייליקייט... ס'האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויסצודאַכטן, אַז זינט כ'קאָן נאָר געדענקען בין איך קיינמאָל פון דעם שטעטל נישט אַרויסגעפאָרן און וועל נישט אַרויספאָרן; אַז דער ווינטער מיט זיינע בלאָטעס איז שוין אַזוי אייביק און וועט זיך שוין קיינמאָל נישט ענדיקן; אַז נאָר אין די מעשהלעך פאַר קליינע קינדער, אָדער

ערגעץ אין אַ חלום האָב איך געהערט פון אַן אַנדער לעבן, פון אַ פריילינג, מילדע פרויען־שטימען און צאַרטע געזיכטער... און דאַן פלעגט באַ מיר זעליגמאַנס געזיכט אַזוי עקלהאַפטיק אויסזען; ס׳פלעגט זיך מיר אויסווייזן, אַז הונדערטער יאָרן זע איך שוין דאָס געזיכט... אַלץ אין אים פלעגט מיך אויפרעגן, זיין אומסימפּאַטיש... כ׳האָב שוין פאַרלוירן אַפילו דעם מיטלייד צו אים און ער האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי אַן אומצעשיידבאַרער טייל פון דער שטעטלדיקער בלאָטע און פון ווינטער... אָפטמאָל פלעגט ער מיר ווערן אַזוי עקלדיק, אַז כ׳האָב געמוזט נעמען מיין שטעקן און לאָזן זיך אייגער אַליין איבער׳ן שטעטל מעסטן די בלאָטעס, זינ־קענדיק מיט איין פוס, ווען כ׳האָב דעם צווייטן אַרויסגעשלעפּט.

אַז כ׳פלעג צוריקקומען פון אַזאַ שפּאַציר־גאַנג, פלעגט מיך שוין זעליגמאַן באַגעגענען מיט אַ לייכטן צופרידענעם שמייכל אויף די ליפּן. „אַ, ס׳איז לאַנגווייליק, אַ יאָ לאַנגווייליק״ — פלעגט ער מיט אַ צופרידנקייט אַרויסרעדן — גלייך ווי ס׳וואָלט אים גרינגער געוואָרן דערפון, וואָס איך לאַנגווייליק זיך...

כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן מיטלען, אונדזער געזעלשאַפט צו פאַרגרעסערן כאָטש מיט נאָך אַ מענטש. איך האָב מיך אָנגעכאַפּט אין זעליגמאַנס אויסגעפּריווט מיטל און אויך געגעבן אַן אַנאָנס אין אַ צייטונג, אַז אונדזער שטעטל זוכט אַ דענטיסט אָדער אַ דענ־טיסטקע.

געקומען איז נאָך גאָר אַ יונג מיידל, וואָס האָט נאָר וואָס געענדיקט די דענטיסטן־שול. סטעפּטשאַ האָט זי געהייסן און האָט געשטאַמט פון אַ פּוילישער גובערניע־שטאָט.

זי איז געווען נישט זייער קיין שיינע, נאָר דערפאַר זייער סימפּאַטיש, דערצו לעבנסלוסטיק און מיט טעמפּעראַמענט.

איר דערשיינען אין שטעטל איז פאַר אונדז געווען ווי אַ בליץ אין אַ געדיכטער שטאָק־פינצטערער נאַכט.

נאָר דער עיקר האָט עס געווירקט אויף זעליגמאַנען. ער האָט זיך מיטאַמאָל ווי איבערגעביטן, עפּעס גאָר אַן אַנדערער

געוואָרן... ר'האָט אויפגעהערט צו פילאָזאָפירן און אַמאָל זיך גאָר אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט: „אַז דאָס לעבן, איז כּלל נישט אַזוי העסלעך, ווי מ'מיינט".

זעליגמאַן האָט זיך שטאַרק פאַרנומען מיט איר: האָט איר געדונגען אַ ווינונג, געבאָרגט ערגעץ בּאַ אַ ראַזירער אַ ראַזיר־שטול, האָט איר אַליין אַרומגעקלאַפּט מיט לייוונט און געמאַכט דערפון אַ דאַנטיסטישע שטול; אַליין צורעכט געמאַכט די באָר־מאַשין; אַליין אַרומגעגאַנגען שאַפן פּאַציענטן און דערווייל זיך אַליין געהיילט די ציין, געזונטע צי קראַנקע, אַבי סטעפּטשאַ זאָל נישט האָבן קיין חולשת הדעת, אַז ס'וועלן איר פעלן פּאַציענטן...

פון דעמאָלט אָן פלעגן מיר שוין ביידע ווייניק וואָס זיצן אין דער היים. מייסטנס פלעגן מיר זיצן בּאַ סטעפּטשאַ'ן אין וואַרט־צימער, איך פלעג בלעטערן פּאַראַיאָריקע זשורנאַלן ,וואָס זענען געלעגן אויף אַ קליין טישל אין וואַרט־צימער... זעליגמאַן פלעגט דאַן אומגעדולדיק אַרומשפּרייזן איבערן צימער און טיילמאָל צולייגן אַן אויער צו דער טיר פון קאַבּינעט, צי גייט שוין דער פּאַציענט אַוועק.

און אַבי זי פלעגט נאָר אָפּ'פּטרן די פּאַציענטן, זענען מיר שוין ווידער צוזאַמען געזעסן. סטעפּטשאַ האָט קודם־כּל אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון אירע פּאַציענטן, פלעגט דערציילן וועגן איינעם פון זיי עפּעס אַ קאָמישן עפּיזאָד און לאַכן מיט אַ קלינגענדיק זילבערן געלעכטערל. טיילמאָל פלעגט זי גלאַט דערציילן עפּעס אַ נאַרישקייט און זיך דערביי צולאַכן הויך אויפן קול... זעליגמאַן פלעגט אין איר געזועלשאַפט זיצן אומבאַוועגלעך און שלינגען יעדעס וואָרט... איך פלעג זיך וווּנדערן ווו איז אַהין געקומען דער פריערדיקער זעליגמאַן מיט זיין הקרנען זיך איבערן לעבן, מיט זיין „הבל הבלים".

מיר זעלבסט איז סטעפּטשאַ נישט איבעריק געפעלן געוואָרן — דאָס איז געווען אַ מיידל, וואָס האָט שוין, ווי אַלע פּוילישע מיידלעך, דאָס לעבן צו לייכט גענומען. כ'האָב גלייך פיינט געהאַט אי זעליגמאַנס צופיל גריבלען זיך איבערן לעבן אי סטעפּטשעס אײבערגעטריבענעם לייכטזין. דערצו איז זי געווען נישט איבעריק שיין, און,

ווי באַקאַנט, זענען מיר מוחל נאָר שיינע פּרויען... איך פלעג דער בער זיצן בײַ סטעפּטשאַן נאָר כּדי די לאַנגווײַליקייט צו פאַרטרײַבן... אין מײַן פּערזאָן האָט דעריבער זעליגמאַן קיין געפערליכן קאָנקורענט נישט געהאַט.

זעליגמאַן האָט עס אָבער, ווי איך האָב עס לײַכט געקאָנט באַמערקן, נישט פאַרשטאַנען און זײַענדיק אַליין פאַרבלענדט פון דעם שטאַרקן געפיל צו דער קליינער סטעפּטשאַ, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אויך איך בין אין איר שטערבלעך פאַרליבט. שפּעט בײַנאַכט, קומענדיק אהיים, האָט זעליגמאַן כּמעט שטענדיק אויסגעמיטן צו רעדן מיט מיר און האָט מיר צוגעוואָרפן פײַנטלעכע בליקן, איבערהויפּט ווען איך, פון מײַן זײַט, האָב געמאַכט עפּעס אַ באַמערקונג וועגן סטעפּטשען... דאַמאָלס פלעגט ער עפּעס ברוגזלעך אונטערברומען אונטערן נאָז, צוּוואַרפן מיר אַ איגנאָרירנדיקן בליק און זיך באַלד אַוועקדרייען.

אָט די האַלטונג זײַנע האָט מיר צוגעגעבן חשק צו פאַרפירן אַ פלירט מיט סטעפּטשען, נישט צוליב איר, וואָס איז מיר כּלל נישט אָנגעגאַנגען, נאָר כּדי זעליגמאַנען נאָך מער אַרויסצופירן פון געדולד. עפּעס אַ מין יופּיטישער פאַרלאַנג האָט מיך געטריבן אָפּצונעמען בײַ אים דאָס אײנציקע אין זײַן אַזוי אָרעם לעבן...

ערב קריסטלעכן ניי־יאָר האָט זעליגמאַן געוואָלט משמח זײַן זײַן קליינע סטעפּטשאַ.

אין יענעם טאָג איז זי צו זעליגמאַנען געווען באַזונדער גוט געשטימט, — געשמייכלט צו אים און קאָקעטיש אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן... זעליגמאַן איז געווען אויפן זיבעטן הימל, זײַן פּנים האָט געשטראַלט פון גליק...

אַז כ'דערמאָן זיך יעצט, קאָן איך מיר זעלבסט קיין רעכענונג נישט אָפּגעבן, וואָס פאַר אַ געפיל מיך האָט דערצו געטריבן, —דאַכט זיך, כ'האָב צו אים נישט געפילט קיין שום שינאה, אַדרבא, כ'האָב תּמיד מיט אים מיטלייד געהאַט, — און דאָך האָט מיך עפּעס, ווי אַ בייזער גייסט, געטריבן אויך דעם שאָטן פון גליק פון אים אַוועקצורײַסן.

זעליגמאַן האָט געדונגען דעם בעסטן בעל־עגלה טוביה יאָ-

ליק. — דאָס איז געווען אַ פּריילעכער יונג, אַ הויכער, אַ געזונטער מיט רויטע געשטיפּלטע באַקן און ברייטע פּלייצעס. אַ פּאַרשלעפּטע קרענק, וואָס פּלעגט אַרויספּאָרן מיטן קנאַק, געהאַט דעם בעסטן שליטן מיט אַ הילכיקן גלאָק, נעשריגן הע=הע=עפּ! און נאַבאַק, זשידזשיע! געמיאַוקעט ווי אַ קאַץ, געבילט ווי אַ הונט, אָדער גלאַט באַזונגען אַ כּלה. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין שליטן און זיך איבערגעשליטלט העט ווייט איבערן שטעטל.

ס׳איז געווען אַ ליכטיקע אויסגעשטערנטע נאַכט. דאָס שטעטל איז ווי מיט אַ ווייסע הילע צוגעדעקט געווען. אויף די דעכער איז אַ ווייס בלישטשענדיקער שניי געלעגן. אַ רויקע, אַ געלאַסענע האָט זיך די לבנה איבערן האָריזאָנט געשפּאַצירט און זיך צו אונדז צוגעקוקט... איינטאָניק האָט דער גרויסער גלאָק געקלונגען און גערופן אין קאָשציאָל אַריין... פון אַלע זייטן האָבן זיך שטיל=שווייגנדיקע פיגורן געצויגן, אַלע אין איין ריכטונג — צום קאָשציאָל צו.

איך בין געזעסן אויבן=אָן מיט סטעפּטשאַן, און זעליגמאַן אַנטקעגן אונדז. דער שליטן האָט זיך געגליטשט איבערן האַרטן, ווייסן, גלאַטיקן שניי און אונדז געוויגט... דאָס שטעטל איז מיר אַזוי נאָנט און ליב געוואָרן, — אין זיינע ווייסע מלבושים איז עס ענלעך געווען צו אַ טרוים, צו אַ לעגענדע...

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם שאָסייביים געשמדטן כּלי=זמרס פּאָמניק.

דער פּאָמניק איז נישט געווען קיין קינסטלערישע סטאַטוע און דאָך איז ער געווען די איינציקע זעונגס=ווירדיקייט אין שטעטל. אַ הויכער פּירקאַנטיקער שוואַרצער שטיין, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ קליין מענטשעלע מיט אַן עטוואָס סעמיטישער נאָז און אַ גרויסן פידל אין דער האַנט, אָנגעשפּאַרט אויפן לינקן אַקסל... דעם פּאָמניק האָט מען געשטעלט אַן אַלטן דזשאַד, וואָס פּלעגט אין די מאַרקטעג, אָדער אין קריסטלעכע חגאות זיצן פאַרן קאָשציאָל און שפּילן אויף אַ פידעלע... זיין שפּילן האָט געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער סביבה און נישט איין גוי פּלעגט זיך פונאַנדערכליפּען, ווען ער האָט זיך צעלאָזט אויפן סמיטשיק... אַז ר׳איז גע=

שטאָרבן, האָט אים די פּאַראַפּיע אַ פּאָמניק אויפן שאָסיי געשטעלט... דער דזשאַד איז געווען אַ יידישער כלי־זמר פון שטעטל וואָס האָט זיך געשמדט, און עד היום, אַז די יידישע קרובים זיינע פלעגן פאַרבייפאָרן דעם פּאָמניק, פלעגן זיי טיפער די היטלען איבער די אויגן אַראָפּרוקן און דעם קאָפּ אַוועקדרייען...

מיר זענען אַרויסגעקראָכן פונם שליטן און געלאָזט זיך לויפן גאַלאָפּ איבערן ברייטן, ווייסן פעלד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט ווייט און צעניפּגעגאָסן זיך מיטן לויטערן הימל... מיר האָבן זיך געיאָגט איינער דעם צווייטן און דורכגעוואָרפן זיך מיט שניי־באַלן. סטעפּטשאַ האָט אַרויסגעלאָזט אַלע מאָל אַ הילכיקן קוויטש ווען ס׳האָט זיך איר איינגעגעבן צו טרעפן אין עמיצן פון אונדז... זעליגמאַן איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט און איז פּשוט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיפעריש יינגל. מיטאַמאָל איז ער גאָר געוואָרן באַוועגלעך, פלינק, געלאַכט הויך אויפן קול. מיט איין וואָרט, גאָר נישט דער אייגענער, וועלכן כ׳בין געוויינט געווען צו זען.

ס׳האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער פאַרלאַנג אים די גוטע שטימונג צו פאַרדאַרבן און ווייזן אים, אַז ר׳איז באַ מיר אין דער האַנט, אַז אויב איך וויל וועט ער ווערן דער פריערדיקער זע־ליגמאַן.

מיר האָבן געשפּילט אין יאָגעניש, — ווער ווען ס׳וועט כאַפּן. כ׳האָב זיך אין אַמישנע שנעלער געלאָזט לויפן נאָך דער קליינער סטעפּטשען, און, אַז כ׳האָב איר געכאַפּט, האָב איך איר אַ הילכיקן קוש געגעבן, וואָס האָט אַזש אין פוסטן חלל פון פעלד מיט אַן עכאָ אָפּגעקלונגען.

אַז כ׳האָב מיך אויסגעדרייט צו זעליגמאַנען האָב איך דערזען ווי זיין געזיכט האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט, — די ליפּן זענען אין אַ בייזער גרימאַסע פאַרקרימט געוואָרן און אין זיינע אויגן האָט זיך ווידער דער שטענדיקער אויסדרוק פון יאוש באַוויזן. ר׳האָט שוין מער קיין אַנטייל נישט גענומען, נאָר ווי אַ פרעמדער אין דער זייט געשטאַנען.

סטעפּטשאַ האָט זיך אין תחילת געמאַכט, ווי זי וואָלט זיך

מפלמרשט באַליידיקט פון מיין קוש; זי האָט עס מיר אָבער שנעל מוחל געווען; פאַרקערט— דער קוש האָט אונדז ווי דערנענטערט, געמאַכט דרייסטער.

אַז מיר זענען צוריקגעפאָרן, איז שוין סטעפּטשאַ דעם גאַנצן וועג געזעסן באַ מיר אויפן שויס און זיך געטוליעט צו מיר... זעליגמאַן איז געזעסן אַנטקעגן אונדז ערנסט, פאַרטראַכט און אויסגעמיטן צו קוקן אויף אונדז.

מיר זענען דערנאָך געזעסן אַ גאַנצע נאַכט באַ סטעפּטשען. זי האָט געזונגען פאַרשיידענע לידער און זיך אַליין אַקאָמפּאַנירט אויף אַ גיטאַרע... איך בין געזעסן לעבן איר און אַלע ווײַלע זי אַרומגענומען און געקושט... סטעפּטשאַ האָט ווי גאָר פאַרגעסן, אַז אין צימער געפינט זיך נאָך אַ דריטע פּערזאָן. איך אָבער האָב נאָך צופיל אין אים געדענקט. ער איז געזעסן ערגעץ פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, איינגעזונקען אין טרויעריקע מחשבות און האָט אויסגעזען פאַרמאַטערט, האַלב איינגעשלאָפן. כ׳האָב אַלע מאָל בגנבה געכאַפּט צו אים אַ בליק און הנאה געהאַט פון מיין איבער־האַנט איבער אים.

ערשט ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט זיך סטעפּטשאַ, גלייך ווי זי וואָלט אים יעצט דאָס ערשטע מאָל פאַר׳ן גאַנצן אָוונט באַמערקט, גוטמוטיק צו אים געווענדעט: „אַ, הער זעליגמאַן, מ׳האָט אייך עפּעס אַ גאַנצן אָוונט נישט געהערט. אָט וואָס ס׳הייסט אַ סאָלידער מענטש!"

ר׳האָט איר גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַ נאַרישער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן; אַ שמייכל וואָס באַווייזט זיך אָפט ביי אַ מענטש, וואָס איז אין אַ זייער קאָמישער פּאָזע.

אויף צומאָרגנס, צוריקקומענדיק פון מיינע לעקציעס, האָב איך זעליגמאַנען נישט געטראָפן אין שטוב, נאָר אויפן טיש איז געלעגן אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט אַ בריוועלע צו מיר.

כ׳האָב געעפנט דעם קאָנווערט און איבערגעלייענט:

„ליבער פריינט! אַנטשולדיקט מיר וואָס כ׳האָב זיך מיט אייך

נישט געזעגנט. ס'איז נישט דערפאַר, וואָס כ'בין בייז. פילייכט בין איך אין כעס געווען, יעצט אָבער שוין נישט.—כ'פאַרשטיי, אַז ס'איז לעכערלעך צו פאַרלאַנגען פון עמיצן ער זאָל מקריב זיי זיין אייגן גליק צוליב אַ צווייטן. אויך איך, ליבער פריינט, ווען כ'אַנאַליזיר יעצט מיין געפיל צו סטעפטשען, זע איך, אַז נישט נאָך סטעפטשען האָב איך מיך אַזוי געיאָגט, נאָר נאָך דעם מיראַזש, נאָך אַ שאָטן פון אַביסל גליק און בין בייז געווען, אַז אַ צווייטער האָט אויך דאָס אייגענע געזוכט. אָט מיין בייזקייט, ווי איך פאַרשטיי יעצט, מוז זייער לעכערלעך אויסזען.

ליבער פריינט, מער פון אַלץ אין דער וועלט האָב איך מורא קאָמיש אויסצוזען. כ'פאָר דעריבער ליבערש אינגאַנצן פון דאַנען. אַוועק

זייט געזונט!
אייער פריינט ז."

כ'האָב אריינגעלייגט דאָס בריוול אין קעשענע און בין אַרויס אין גאַס.

אַדורכגייענדיק פאַרביי סטעפטשעס וווינונג, האָב איך געוואָרפן אַ בליק אינם פענצטער פון איר קאַבינעט. דאָרט האָט זיך שוין באַ נייטנס געברענט אַ נאַפט-לעמפל און סטעפטשאַ, אינם ווייסן פאַרטוך, האָט זיך איבערן צימער אַרומגעדרייט. כ'האָב זיך פון געוווינהייט געלאָזט צו איר טיר, נאָר אָנטאַפּנדיק זעליגמאַנס בריוול אין מיין קעשענע, האָב איך מיך צוריקגעהאַלטן, — כ'האָב דערפילט, אַז יעצט האָט זי שוין פאַרלוירן פאַר מיר יעדן אינטערעס, אַז יעצט וועל איך מיך אין איר געזעלשאַפט נאָר לאַנגווייליקן... כ'האָב מיך או'סגעדרייט און געגאַנגען ווייטער...

א יידישע פרי.

א יידישע פרי.

מיין שכן אין וואַגאָן איז אַ יידישער סטודענט פון אַ אויסלענדישן אוניווערסיטעט. אַ הויכער מיט אַ אויסגעמאָגערט לענגלעך געזיכט, פון וועלכן ס׳שטאַרט אַרויס אַ לאַנגע ביינערדיקע אָדלער־נאָז... אויף דער גאָמבע זענען אין אומאָרדענונג צעוואָרפן בלאָנדע האָר... הוסט אַלע מאָל פאַרדעכטיק אונטער. די אָדערן פון האַלדז צענויפגעצויגן, דער גרויסער קאָפ איז אָנגעבויגן אין אַ זייט, גלייך ווי ער וואָלט זיך שטענדיק צו עפּעס צוהערן. אין די מידע אויגן שיינט אַן אומרויק פייערל. די ליפּן ציטערן נערוועז, און די רעכטע האַנט באַוועגט זיך אַלע ווײַלע אין דער לופט...

— וואונדערבאַר! — האָט ער מיט זיין האַלב־הייזעריקער שטימע אנגעהויבן, — איר האַלט אַלץ אין איין שרייען „פאָלק“, „פאָלק“, איר גלויבט נאָך אַלץ אין דער יידישער מאַסע, כ׳ווייס נישט וואָס פאַר אַ גרונד איר האָט דערצו?

ער האָט נערוועז אַ מאַך געטון מיט דער רעכטער האַנט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן אָפּשטויסן פון זיך עפּעס אַזוינס, וואָס דריקט אים שטאַרק:

— ווי איר זעט, בין איך אַליין א זון פון דער מאַסע, געלעבט צווישן איר, זיך צוגעקוקט צו איר ווײַ און איר פרייד. נאָכגעפאָרשט, געזוכט און געפונען דאָס טרויעריקסטע.

איר פאַרשטייט, דער יידישער דורכשניטסמענטש איז טעמפּ; פאַרדאָן, נישט צו אַלע זאכן, כ׳מיין נאָר צו זיין נאַציאָנאַלן „איך“. אַז איר באַגעגנט עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳רופט עס „נאַציאָנאַלע באַוועגונג“ איז עס געקינצלט, נישט נאַטירלעך.

— די פראָגראַמען פון די פאַרשיידענע יידישע נאַציאָנאַלאַ
פּאַרטייען, אַלע הייבן זיך אָן כמעט מיט איין נוסח: „זייענדיק גע־
טריבן דורך דער נויט, וועט סוף כל סוף די יידישע מאַסע....״

איר פאַרשטייט, דאָ איז נישטאָ קיין באַוווּסטזיין, דאָ איז
אָר דאָ „טרייבונג״; נישט באַם שיין פון אַ נאַציאָנאַלער נשמה
לאָזט מען זיך אין וועג, נאָר — „זייענדיק געטריבן דורך די נויט״ —
איר פאַרשטייט די ווערטער? — פון אַ מאַסע, וואָס מ׳מוז טרייבן
צו ווידערגעבורט, וואָס קאָן מען דערוואַרטן?

כ׳פאַרשטיי, איר וועט מיר ענטפערן, אַז שולדיק אין דעם
זענען נישט איך, נישט איר, נאָר טויזנטער שולדן; אַזוי פיל שולדן
זענען דא וויפיל גלותן עס האָבן זיך איינגעשניטן אין אונדזער
לייב. אָבער צי גלייבט איר, אַז דאָס וואָס האָט זיך טויזנטער יאָרן
אַזוי טיף איינגעוואָרצלט און אַזוי ברייט פאַרצווייגט אין אונדזער
פסיכיק וועט מיט איינמאָל, ווען איר וועט נאָר וועלן, פאַרשווונדן
ווערן?

כ׳האָב אַמאָל אין אַ קליין פּויליש שטעטל אין בית־המדרש גע־
הערט אַ מגיד דרשנען איבער ציון. די דרשה איז אַזוי שטאַרק
געפעלן געוואָרן, אַז דער עולם האָט אָנגעהויבן קרעכצן: עך... עך...
טאַטע זיסער! ס׳וואָלט שוין טאַקי צייט געווען, משיח זאָל קומען...
איך ווייס נישט, נאָר איך האָב עפּעס געהאַט אַן איינדרוק ווי אין
דער אָרעמער הייליקייט פון בית־המדרש וואָלט אַרומגעריטן אַ ווייס
אייזעלע.

איר פאַרשטייט, דורות נאָך דורות האָבן דערשלאָגן אין
פאָלק יעדן רצון צו איניציאַטיוו; איינגערעדט אים, אַז אַלץ וועט
געמאַכט ווערן און ער טאָר זיך דערצו מיטן קלענסטן פינגערל נישט צו־
רירן, און פלוצלינג גלייבן, אַז אָט די מאַסע, בא וועלכער אַלץ איז
אָפּגעטויט, וועט ווידער איר אייגן גליק שמידן...

כ׳ווייס, איר וועט זאָגן, אַז דאָס זענען נאָר די אַלטע, די
אָוועקגייענדיקע; די יוגנט גלייבט שוין נישט אין דעם עני רוכב
על החמור; אָבער, מיין פריינט, דאָס איז נאָך ערגער — דעם
פּלאַץ פון אַמאָליקן בלינדן גלויבן האָט פאַרנומען דער בלינדער

אומגלויבן. און פלאַקערט ווען אויף ערגעץ א שוועבעלע, ברענט זיך עס ראַש אויס און ווערט אַש.

די יידישע יוגנט איז ניהיליסטיש.—זי הענגט אין דער לופט...

מיין שכן איז וואָס אַמאָל אויפגערעגטער געווארן. אויף זיין געזיכט האבן זיך רויטלעכע פלעקן באַוויזן. די באַקן האָבן זיך נערוועז געקרימט. אין די אויגן האָט זיך א שרעקלעכער אומעט צעפלאַקערט, און די רעכטע האַנט האָט זיך אָן אויפהער געוואָרפן אין דער לופט, ווי אַ פליגל פון אַ גרויסן פאַרווונדעטן פויגל...

ער האָט אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויפן עלנבויגן, אָפּגערוט זיך אַ וויילע און ווידער אָנגעהויבן.

— די לעצטע יאָרן, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פוילן, האָב איך געוווינט אין אַ קליין פויליש שטעטל, ווו כ'האָב מיך באַשעפטיקט מיט לערעריי... א שטעטעלע, אַ פאַרוואָרפנס, א פאַרשטעקטס ערגעץ אין אַ ווינקל, בלאָטעס ביז איבערן האַלדז, אומעטיק, לאַנגווייליק...

זומער איז נאָך געווען צו דערליידן.— ברייטע גרינע לאָנקעס, אַ וועלדל א יונגס מיט כאָיענע ביימלעך און מען האָט זיך געקאָנט אויסציען אויפן גראָז, אָפּרייסן מיטן מויל יאַגאָדעס, אָדער קוקן צום הימל. א טייכל מיט א זעג-מיל איז אויך געווען. א שלאַפּקייט צום מאָלן האָב איך, פלעג איך מיר געמען מיינע פאַרבן, דעם מאָלבערט, אַוועקגעלאָזט זיך הינטערן מיל און געמאָלט... איז אָבער געקומען דער ווינטער, כאָטש צי זיך אויס און שטאַרב פאַר פוסטקייט. פיר אַזייגער פאַרנאַכט ווערן אַלע לאָדנס פאַרהאַקט און דאָס גאַנצע שטעטל, ווי ס'וואָלט אויסגעגאַנגען, קיין לעבעדיקן נפש זעסטו שוין אין דרויסן נישט... ווערט וועלכן הונט אַמאל לאַנגווייליק, לאָזט ער אַרויס א טרויעריק געבילעריי, וואָס שניידט זיך איין אין די פינצטערניש און ווערט פארלוירן אין זומפּ. דורך די שפּאַרעס פון די לאָדנס קוקט אמאָל ארויס א מרה-שחורהדיקער שוואַכער שטראַל פון אַ קאָפּטשענדיק לעמפּל... אין אַזעלכע אוונטן פלעג איך זיצן אין דער היים איינזאַם אין מיין צימער און צוהערן זיך צום ווינט, וואָס פייפט אויס אלערליי מעלאדיען אחוץ פריילעכע..

אין אזעלכע אונטן בין איך שיעור פון זינען געקומען; כ'פלעג זוי א פארסמטע מויז איבערן שטוב ארומלויפן, געהאַקט זיך מיט ביידע הענט אין קאָפּ, עפּענען אַלע ווילע די טיר צי גייט נישט ווער און ענדלעך שטענדיק אַנידערפאַלן אויפן סאָפע א מידער, א צעבראָכענער...

כ'האָב גענומען זוכן באַקאַנטשאַפט און געפונען איינעם א גלאַדשטיין, א בחור מיט לעבעדיקע קליינע אויגעלעך, וואָס רוען קיינמאָל נישט, א פרעמדער, וואָס וווינט אויך אין שטעטל נאָר איבער די צייט פון דער מלחמה.

— גלאַדשטיין, מיין פריינט, וואָס טוט מען צו די צרות?

— מ'פלירטעוועט מיט מיידלעך.

זענען אָבער די מיידלעך קליינשטעטלדיק און נאַריש. דערצו רעדן זיי אין קעגנוואַרט פון א גרויסשטעטישן בחור דווקא מיט פראזן, אַזוי אַז ס'גייט זיך איבער די גרינע גאַל. —

איינמאָל, צוריקגייענדיק פון א לעקציע, באַגעגנט מיך גלאַדשטיין מיט א שטראַלנדיק געזיכט. — עווריקא, כ'האָב געפונען! ווי איך בין א ייד. ס'וועט שוין נישט מער זיין לאַנגווייליק.

— וואָס אזוי׳נס?

— כ'זאָג דיר, אז ס'איז אַן אידייע, אָבער נאָך ווי אַזוי אן אידייע, אן Idée fixe.

מיט גרויס מי און מאַטערניש האָב איך פון אים אַרויסבאַקומען, וואָס ער מיינט.

— אָרגאַניזירן אין שטעטל עפּעס א פאַרטיי, — דו פאַרשטייסט, זאָגט ער צו מיר, — ס'וועט זיין שוין איינמאָל לעבעדיק: וואַלן, דיסקוסיעס.....

— וואָס פאַר א פאַרטיי? — האָב איך אים געפרעגט.

— אַלץ איינס, וואָס פאַר א פאַרטיי. — שוין דערעסן געוואָרן צו פלירטעווען.

פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט אים אין דעם ביי־הילפיק צו זיין. נישט גלייבן אַליין אין א אידייע און זי פּרעדיקן דעם צווייטן, האָט באַ מיר אויסגעזען אָפּשפּעטן פון א זאַך, וואָס איז דאָך נאָך עמעצן טייער.

פאַר גלאַדשטיינען אָבער איז דאָס געווען „אגיל ואשמח" ר'האָט קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט און שוין אויף צומאָרגנס געמאַכט א פאַרזאַמלונג פון דער יוגנט. א פאַרזאַמלונג מיט א „גלעקל" און א „טאָג-אָרדנונג" און ס איז געגרינדעט געוואָרן א ציוניסטישע „אגודה" מיט גלאַדשטיינען אלס פאָרזיצנדער...

ס'זענען אַוועק צוויי הדשים. אין די צייטונגען האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן ידיעות וועגן א „רוסישע רעוואָלוציע", א „שטאָקהאָלמער סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ", „אויפשטעלן צוריק דעם אינטערנאַציאָנאַל", אַלץ נייע ווערטער, וועלכע גלאַדשטיין האָט צום ערשטן מאָל געהערט, און שיינע ווערטער, וואָס שטייען אָפט אין געגדזנפיסלעך.

אויף א פאַרזאַמלונג פון דער זעלבער אגודה האָט אין איין שיינעם פרימאָרגן גלאַדשטיין גאַנץ פשוט דערקלערט—ציוניזם איז עפּעס צו מאָנאָטאָן, צו אַלטעגלעך. פאַר אונדז, יונגערע כחות, איז א ברייטערער פלאַץ אין „סאָציאַליזם", — דאָ איז קאַמף, דאָ איז נייעס...

טייל האָבן זיך געפּרוווט ווערן, פאַרטיידיקן די „אגודה", אָבער סוף כל סוף האָט גובר געווען דער פאָרזיצנדער און דאָס שטעטל האָט באַקומען א „סאָציאַליסטישע פאַרטיי".

זענט איר שוין פאַרטיק דערמיט? ס'איז נישט אַויסגעגאַנגען קיין פיר חדשים און מען האָט צענויפגערופן א פאַרזאַמלונג פון דער יוגנט און דווקא אין בית-המדרש, אַון דווקא אום שבת און דווקא אָן די היטלען, און געראויכערט, געשריבן, ווי עס פאַסט פאַר א בית-המדרש, און אָרגאַניזירט א „קאָמוניסטישע פאַרטיי"...

— וואָס איז מיט דיר, גלאַדשטיין, — האָב איך אַמאָל א פרעג געטון באַ אים, וואָס רעגנסטו אזוי פיל מיט פאַרטייען, ווערסט דאָך אָנמאַכן א בלאָטע!

— עט, לאַנגווייליק, — האָט ער מיר געענטפערט...

איך האָב אים פאַרשטאַנען: ווי זשע דען זאָל האַנדלען א מענטש, וואָס גלייבט אין גאָרנישט און לאַכט אַלץ אויס, וואָס קיין שום זאַך אין דער וועלט איז באַ אים נישט הייליק און וואָס אַכטעט נישט יענעמס הייליקייטן? — א קריסט, דער פרייעסטער, וואָלט נישט

געהאַט די העזה אַזוי צו פאַרשוועכן זיין קאַשציאַל, שוין דערפאַר ווייל ס׳געפינען זיך אַזוי פיל מענטשן, בא וועלכע דער קאַשציאַל איז הייליק.

ער איז אויף א ווײלע פאַרשוויגן געוואָרן, זיך אויפגעשטעלט און פאַררויכערט א פאַפּיראָס, מאַכנדיק אַרום זיך א נעבל פון בלויען רויך. זיך שטאַרק פאַרהוסט און אַוועקגעשליידערט דעם נישט אינגאַנצן אויסגערייכערטן פאַפּיראָס, זיך צוריקגעזעצט און ווייטער דערציילט.

— מיט אייניקע יאָרן צוריק האָב איך מיך צופעליק באַקאַנט מיט א יידיש מיידל פון מיטעלער שיינקייט, נאָר אויגן שוואַרצע און טיפע, ווי דער ים. אַז דו האָסט אַ קוק געגעבן אין זיי, האָט זיך דיר אויסגעדאַכט, אַז אָט איז דער תהום, דאַרפסט נאָר דאָס גלייכגעוויכט פאַרלירן, פאַלסטו באַלד און ווערסט פאַרזונקען...

ווי איר זעט מיך, בין איך נישט קיין לייכטזיניקער און פאַרליר נישט דעם קאָפּ צוליב יעדער ווייבעריש קליידל. נאָר דאָס מיידל האָט זיך אפנים שטאַרק אַריינגעריסן אין מיין פאַנטאַזיע. פאַרוואָס? ווער ווייס? קען זיך דען א מענטש שטענדיק אָפּגעבן דין-וחשבון פאַרוואָס זיינע נעכט ווערן פלוצים שלאָפלאָזע און זיינע טעג — פאַרחלשטע, קרענקלעכע, אַפּעטיטלאָזע און יעדע שעה דרייט זיך אין אַ קאָשמאַר, ווערט א שטיק פאַרחלומטקייט? יאָ, בא מיר זענען שוין געווען די אַלע סימנים...,

כ׳האָב דערזען, אַז ס׳האַלט שמאָל מיט מיר. — עפּעס בין איך גאָר פאַרענדערט געוואָרן; אויפן האַרץ דריקט, ס׳ווילט זיך איר אויסדערציילן אַלץ און קיין מוט דערצו איז נישטאָ. איר פאַרשטייט, מיר, וואָס אַזוי זענען מיר גאַנצע העלדן, אַז ס׳קומט צו עפּעס, פאַרלירן מיר דאָס לשון, די צונג אַזוי ווי געליימט — נישט איבערצודרייען

האָט עס מיך אָבער נישט צורו געלאָזט. כ׳בין נאָך דאַמאָלס געווען יונגער, הייס בלוט. — כ׳האָב זיך געמאַכט קוראַזש און איינמאָל פאַרנאַכט, האָב איך איר אַלץ אַראָפּדערציילט פון האַרץ.

זי האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און אַז איך האָב געענדיקט האָט זי מיר רויק געענטפערט: יאָ, מיין פריינט, אַלץ איז

גוטס, אָבער כּדי צו ליבן, מוז מען גלייבן, און איך גלייב לײדער אין גאָרנישט".

און געזאָגט האָט זי עס מיט אַזאַ סקעפּטישן קלאַנג, אַז ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, ווי עמיצער וואָלט מיר פּלוצלינג פון אונטן מיט אַ שעפּ קאַלטע וואַסער אָפּגעצוואָגן. כ'האָב דערפילט, אַז דאָס מיידל גלויבט ווירקלעך אין גאָרנישט.

וואָס מיטן מיידל איז געוואָרן — וואָס גייט עס אייך אָן? נישט דאָס בין איך אייך אויסן געווען צו דערציילן, נאָר פון דאַמאָלס אָן, ווען איך זע אונדזער יוגנט, גלוסט זיך מיר אויסשרייען: גלייבט אין זיך, גלייבט אין טײוול, אַבי גלייבט אין עפּעס!"

ס'שאַדט נישט אויב אייער גלייבן וועט אייך שפּעטער אַרויסשטעקן אַ לאַנגע צונג און איר וועט זיך שעמען פאַר אייערע אייגענע פינף חושים... אַנטוישונגען מוזן שטענדיק קומען, וואָרום ווען אפילו אונדזער האָפענונג דערגרייכט שוין יענעם שפּיץ, צו וועלכן זי האָט צייטן-לאַנג געקלעטערט, קומט עס אויך אַרויס שטענדיק מיזערנער, קלענלעכער, ווי ס'איז געווען אין אונדזער פאַנטאַזיע...

אויף דער נאָנטסטער סטאַנציע איז ער אַראָפּ. איך האָב אים נאָכגעקוקט און געטראַכט — אָט דו אַליין ביסט געוויס אַ פּרי פונם יידישן „ניהיליזם"...

אין שטעטל

שטריכן פון דער באָנטער פאַרגאַנגענהייט

I.

די מאָביליזאַציע.

דאָס שטענדיק רויקע, האַלב-איינגעשלאָפענע שטעטל האָט מיטאַמאָל אַ שטאַרקן ציטער געטאָן, ווי עמיצער וואָלט עס מיט עפּעס אַ האַרטע זאַך געגעבן אַ האַסטיקן זעץ איבערן קאָפּ... די אַפּאַטישע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן ווידער באַקומען אַ גלאַנץ, נאָר דאָס איז געווען אַ גלאַנץ אַ ווילדער, אַן אויסדרוק פון ווילדער, היהשער שרעק, אַ שרעק פאַר דער נאָנטער צוקונפט, וואָס איז אַזוי פאַרנעפּלט און פול מיט שרעקלעכע סודות.

אין דרויסן איז געווען אַ זומערפאַרנאַכט, ווי אַלע זומערפאַרנאַכטן אינם שטעטל. אויף דעם טונקלווערנדיקן הימל האָבן זיך שטיל-געלאַסן די שטערן אָנגעצונדן. פון די לאָנקעס האָט זיך דערטראָגן אַ מחיהנפשותדיקער אַראָמאַט פונם פריש אָפּגעקאָשעטען היי. די זשאַבעס אינם גלחס סאַזשלקע האָבן זיך ווי תמיד געלאָזט הערן, מיט זייער קוואַ-קוואַ-מוזיק. די פויערטעס האָבן פון פעלדאַרבעט צוריקגעקערט, די קאָסעס און גראַבליעס אויף די אַקסלען פאַרוואָרפן, און מיט קוויטשענדיקע דינע קולות פאַרשיידענע „פּיעשניעס" אויסגעזונגען... נאָר אויסגעדאַכט האט זיך, ווי די אַלע קולות וואָלטן געווען פון בליי און קאָנען זיך נישט אויפהייבן אין דער לופט; ווי אַ געדיכטע מאַסע לייגן זיי זיך איבערן שטעטל און מאַכן די לופט דעמפיק, אַז מ'וואָלט זי, דאַכט זיך, מיט אַ מעסער געקאָנט שניידן.

אין מיטן מאַרק זענען רעדלעך יידן געשטאַנען און גערעדט. ניין, נישט גערעדט. אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן דערשראָקן, גלייך ווי יעדער וואָלט באַם צווייטן אין די אויגן געזוכט אַ תשובה אויף זייגע שאלות, וואָס עקבערן אים דעם מוח...

אַנדריטשוק, דער גאָראָדאָוואָי, אַ הויכער, געזונטער, געשטופּעלטער פּאָניע מיט אַ אָנגעגאָסן רויט פּנים און קליינע וואַסערדיקע אויגעלעך האָט, אונטער דער פּאָלע פון זיין שווארצן גאָראָדאָוואָישען שינעל, געטראָגן אַ פּאַק לאַנגע רויטע פּאַפּירן. ער האָט זיי איבערן שטעטל, אין די עקן גאַסן, אויף די ווענט פון די הייזער פונאנדערגעקלעבט—„באַקאַנטמאַכונגען וועגן אַ אַלגעמיינער מאָביליזאַציע"... און דער אַלטער גאָראָדאָוואָי, מיט וועמען יעדעס קינד איז געווען „פּאַן־בראַט", האָט זיך פּלוצלינג ווי אין אַ טייוולאָניש מיסטיש געשטאַלט פאַרוואַנדלט; אפילו זיין, אַזוי גוט באַקאַנטער, אומגעלומפּערטער שינעל, וועלכן חברה קונדיסים פלעגט אַזוי ליב האָבן צו ציפּן, האָט זיך ווי אין עפּעס אַ אינקוויזיטאָריש, יעזויטיש מאַנטל אומגעביטן און געדאַכט האָט זיך, אז ער טראָגט אונטער זיין פּאָלע באַהאַלטן גיפט, אָדער דעם טויט אַליין.

פון גאַס צו גאַס, פון ווינקל צו ווינקל איז אַנדריטשוק, אַ שווייגנדיקער, אַן איינגעשלאָסענער אין זיך, אַרומגעגאַנגען און אומעטום די לאַנגע רויטע פּאַפּירן מיט די גרויסע, פעטע, שוואַרצע אותיות אויפגעקלעבט. און אויסגעזען האָבן זיי ווי רויטע בלוט־יפלעקן אויף די ווייס־געקאַלעכטע ווענט... קינד און קייט, אַלט און ונג האָבן אויף די פּאַפּירן די אויגן געגלאָצט. טיילמאָל פלעגט איינער פּרוּוון איבערלעזן הויך אַ וואָרט, און גלייך, ווי ר'וואָלט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגן קול, באַלד אַנטשוויגן געוואָרן... נאָר יוסל רימאַר, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, וואָס איז אַליין געווען אין דער טערקישער מלחמה און דערפאַר זוכה געווען צו זיין כל ימיו אַ שמש אין מאַגיסטראַט, איז געווען אויפגעלייגטער מער ווי תמיד. זיין געקנייטשט פאַרמעטן פּנים האָט זיך ווי אויסגעגלייטערט; די קנייטשן זענען אויך עפּעס יום־טובדיקער געוואָרן; אַפילו די קאַלטאַנאוואַטע גרייז־גרויע באָרד האָט עפּעס מער חן באַקומען. און אַ פריילעכער, אַ שיינענדיקער האָט ער זיך צווישן

די רעדלעך יידן געפּאַרעט און מעשי־ידען געגעבן צו פאַרשטיין וואָס ס'איז אַזוינס מלחמה.

שפּעטער האָט ער, אויף דער לאַנגער באַנק נעבן רבי הללס בית־מדרש, דערציילט דעם עולם די זעלביקע מעשיות, וואָס ער דערציילט שוין אַ ערך פערציק יאָר: ווי איינמאָל בעת דער מלחמה אויף פּלעווגע, האָבן זיי געבלאָנדזשעט אין מדבר חוי צוואַנציק טעג. די קעמלען זענען אין זאַמד איינגעוווּנקען געוואָרן און פּאַר דורשט געפּגרט. די סאָלדאַטן, פאַרחלשטע, זענען אונטערן זאַמד באַגראָבן געוואָרן און נאָר ער מיט נאָך אַ פּאָר סאָלדאַטן זענען דעם גענע־ראַל נאָכגעגאַנגען... דער עולם הערט זיך צו און יעדן דאַכט זיך, אַז אָט בלאָנדזשעט ער אין מדבר חוי, בלאָנדזשעט און קאָן דעם וועג נישט געפינען און ווערט באַגראָבן אונטערן זאַמד...

יענע נאַכט איז געווען אַ וואַך־נאַכט. אין די שטיבער האָבן זיך נאָר קאָפּטשענדיקע נאַכט־לעמפּלעך געברענט, וואָס האָבן אויף דער גאַס, דורך די פאַרשטויבטע שויבן, אַרויסגעשיקט שוואַכע גוססדיקע שטראַלן. פאַרנט פאַר די הייזלעך האָבן זיך די באַלע־באַטים אויסגעזעצט אויף די שוועלן פון די טירן אָן די כאַלאַטלעך, אַרום זיי דאָס גאַנצע הויזגעזינט. די נאַכט איז געווען אַ פאַרנע־און אַ דעמפּיקע. אויף דער גאַס איז געלעגן א טויטע שטילקייט. די לבנה האָט אויסגעזעהן בלייכער ווי תמיד און די שטערן האבן עפּעס היינט מאָדנע געפינקלט, ווי זיי וואָלטן געוווּנקען: „זעט, די לעצטע נאַכט פאַרברענגט איר דאָ אין שטעטל. וועלן מיר נאָר פאַרשווונדן ווערן פונם האָריזאָנט, וועט איר שוין באַ די ערשטע זונען־שטראַלן פון דאַנען אַוועקגעריסן ווערן ווייט ווייט, ערגעץ אויף שלאַכט־פעל־דער, און איין גאָט ווייס צי איר וועט נאָך קומען צוריק".

כמעט אין יעדער שטוב איז געווען אַ קרבן און דאָך האָט זיך דאָס מאָל דאָס שטעטל געהאַלטן ווירדיק: מ'האָט נישט געהערט קיין געשרייען, קיין יללות, אַלע זענען ווי פאַרשטיינערט געוואָרן; אפילו די ווייבער, די אייביקע שרייערס, האָבן זיך געהאַלטן רויק

און זעלטן ווען איינע האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ אָדער שטיל אין זיך געוויינט.

דאָס שטעטל איז איבערהויפּט שווייגנדיק געוואָרן, גלייך ווי איינער אַ כישוף־מאַכער האָט באַ אים דאָס לשון אָפּגענומען. מאַמעס און טאַטעס האָבן מורא געהאַט צו רעדן אָדער וויינען, ווי זיי וואָלטן באַם בעט פון אַ מסוכּנעם קראַנקן געשטאַנען און מורא געהאַט צו מאַכן אַ שלעכטע מינע, כּדי דער קראַנקער זאָל נישט מערקן, אַז ס'האַלט מיט אים שמאָל... זעלטן־ווען האָט איינער אַרויסגעלאָזט פון מויל דאָס וואָרט „מלחמה", האָבן עס די אַנדערע באַלד אונטערגעכאַפּט און איבערגעחזרט עס שטיל, נאָכדענקלעך, ווי זיי וואָלטן זיך מאַטערן צו פאַרשטיין דעם אמתן פּשט דערפון... אויפן שאָסיי האָבן חתן־כּלה־פּאָרלעך שפּאַצירט דעם לעצטן שפּאַצירגאַנג צוזאַמען; געגאַנגען און געשוויגן, — יעדער פון זיי האָט מורא געהאַט אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן דעם געדאַנק, וואָס האָט אים אַזוי געפּרעסט זיין מוח: — אפשר... אפשר... ווער ווייס?.. עס שלייכט זיך דורך אַ פאַרמעליקטער בעקער־יונג אין די הוילע תּחתּונים מיט צוויי עמערס וואַסער פונם פּלומפּ. אַלע קוקן אים נאָך מיט פאַוווּנדערונג, עס דאַכט זיך זיי: „אָט אַ שוטה, ברויט גלוסט זיך אים גאָר, צו וועלכן? צו וואָס?"

נאָר בערל חקרן, אַן אָפּגעלאָזענער ייד מיט אַ צעשויבערט פאַרשטויבט בערדל און תּמיד וויס־פאַרקאַלעכטע פּלייצע, וואָס האָט ליב אַלץ צו דערגרונטעווען, ער האָט אויך יעצט זיין געוווינהייט נישט געענדערט. ער דרייט זיך אַרום אין גאַס, אַ שוואַרצער סילועט מיט אַ קיילעכיקן ווייסן פלעק, שלייכט זיך צו צו וועלכע ס'איז קופּקע מענטשן און דרייענדיק מיטן גראָבן פינגער טענהט ער איין: „כ'וואָלט געוואָלט, זאָגט ער, דערגיין דעם סוד אין וואָס ס'ליגט דער באַהאַלטענער כּוח, וואָס מאַכט פון אַלע מענטשן פּראָסטע משאַפערד, וואָס לאָזן זיך פירן באַם ציימל וווהין מ'טרייבט זיי נאָר. דאַכט זיך קיינער וויל נישט גיין, קיינער וויל נישט דעם איינציקן קאָפּ זייַנעם אומזיסט אוועקלייגן, באַ יעדן איז עס אָנגעשריבן אויפן שטערן, ס'רייסט זיך פון דער צונג אַראָפּ; ס'וואָלט, דאַכט זיך, גענוג געווען איין וואָרט נאָר פון דעם וואָס יעדער

טראַכט באַ זיך, נאָר איין געשריי — ניין, כ׳גיי נישט! — און די אַלע, וואָס שאַפן זיך אַזוי מיט מענטשלעכע לעבנס, וואָלטן זיך צעפלויגן ווי דער טערקישער פעפער. וואַקסט; און דאָך אימת מפגיע על הארי, יעדער האָט מורא, מ׳זאָל חס ושלום אויף זיין נאָז נישט דערקענען...״

דעם כוח דערפון ווייס טאַקי קיינער נישט, אָבער קיינעם ליגט יעצט נישט אין זינען דאָס צו דערגיין, הגם אַלע ווייסן, אַז בערל חקרן איז אַ מענטש, וואָס האָט געלעזן דעם מורה נבוכים און זאָגט אַמאָל גאָר נישט קיין נאַרישע זאַכן... מ׳קוקט זיך נאָר אַלע ווײַלע אום אויפן הימל צי הייבט שוין נישט חס ושלום אָן צו טאָגן. ס׳וואָלט זיך געוואָלט, אַז די נאַכט זאָל זיך שוין אַזוי ציען ציען און זאָל קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען...

אויף צומאָרגנס, גאַנץ פרי, איז שוין דאָס גאַנצע שטעטל געשען פאַרזאַמלט פאַרן ברייטן מאַרק־פּלאַץ, ווו מ׳האָט די מאָביליזירטע אָפּגעשיקט אין דער גובערניע־שטאָט.

פונם שליאַך האָבן זיך גאַנצע זיילן שטויב אַזש צום מאַרק דערטראָגן, — דאָס זענען אָנגעקומען פון די דערפער פויערישע פורלעך, אָנגעפּאַקט מיט יונגע געזונטע דאָרפישע שקצים, אָפּגעברענטע, מיט ברוינע געזיכטער. טייל האָבן געזונגען און געריסן זיך אויפן האַלדז, אַרויסלאָזנדיק משונהדיקע קולות און טענער. ס׳איז אָבער קענטיק געווען, אַז ס׳איז מער אַ געמאַכטער קוראַזש... פויערים אין די מיטעלערע יאָרן אין גרופּקעס צופוס באָרוועס געגאַנגען די הויזן פאַרקאַטשעט און די שטיוול אויף די פּלייצעס אַריבערגעוואָרפן... גאַנצע מחנות פויערטעס, שיקסעס און קינדער האָבן זיך איבערן גאַנצן וועג, וואָס פירט צום שטעטל, געצויגן... יידן האָבן עמערס פרישע, קאַלטע וואַסער פאַר די טירן פון זייערע הייזער אַרויסגעשטעלט. די שקצים, צעהיצטע און דורשטיקע, האָבן האַסטיק וואַסער געזופּט און געשריגן: „יעדנאָשץ, יעדנאָשץ, זשידזשי!״

אויפן מאַרק־פּלאַץ האָט מען אַלע מאָביליזירטע אין לאַנגע רייען אויסגעשטעלט, צווישן זיי אויך יידישע יונגעלייטלעך מיט בלאַסע געזיכטער און איבערגעשראָקענע אויגן, ווי באַ אַ האָז, בעת

עס יאָגט אים אַ בייזער יאַגט־הונט. אויך שוין באַיאָרטע קרעמערס אין צייגענע כאַלאַטלעך. אַלע זענען זיי דאָ אויסגעמישט צוזאַמען געשטאַנען און דער מאַגיסטראַט־שרייבער האָט יעדנס נאָמען פון אַ פּאַפּיר אַרויסגעלייענט... הערנדיק זיין נאָמען האָט יעדער דערפילט, אַז אין האַרץ האָט זיך באַ אים עפּעס אָפּגעריסן. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער שרייבער האָט מיט זיין באַסאָווע שטימע איבערגעריסן די פעדעם, וואָס האָבן אים פאַרקניפּט מיט זיין פאַמיליע, שטעטל און אַרומיקער וועלט; און אַז אַציבד געהערט ער שוין מער נישט זיי, נאָר עפּעס אַ פאַרבאָרגענער קראַפט, וועלכע ער זעט נישט, אָבער ער פילט, אַז זי האַלט אים אין פעסטע קלאַמערן.

עס האָט זיך געענדיקט דאָס „אויסרופן” און דער פּאָוויאַטאָווער נאַטשעלניק, אַ הויכער, פעסטער קאָזאַק, מיט צוויי שוואַרצע באַקן־בערד און פוקסאַטירטע אין דער הויך שטאַרצנדיקע וואָנסעס, האָט פון אַ פּאַפּיר דעם קיסרס מאַניפעסט, ד עמזעלבן, וואָס איז אויף די ווענט אָנגעקלעפּט געווען, אַרויסגעלייענט, און זיין הילכיקע שטימע האָט אָפּגעקלונגען אין מאַרק־חלל. אַז ר׳האָט געענדיקט און אַ געשריי געגעבן: „נו, רעביאַטאַ, פּראַשצייטיעס!”, האָט פון אַלע זייטן פלוצלינג אַ מוראדיקע יללה אויסגעבראָכן, גלייך ווי ערשט יעצט האָבן זיי ענדלעך באַגריפן די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע. און פאַלגדיק איינער דעם צווייטן אויפן האַלדז און כליפּענדיק, האָט מען כמעט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נאָר עפּעס משונהדיקע קולות אַרויסגעלאָזט, וואָס זענען געווען ענלעך צום ריטשען פון אַ פאַרווונדעטער חיה.

און אַז מ׳האָט די מאָבּיליזירטע אויף די פּאָדוואָדעס, וואָס זענען געווען צוגעגרייט, גענומען אויפזעצן, האָט זיך די יללה נאָך מער פאַרשטאַרקט. — ווייבער האָבן ספּאַזמירט, געחלשט און די האָר פון קאָפּ זיך געריסן. טייל האָבן זיך אונטער די פערד געוואָרפן און געשריגן, אַז זיי וועלן נישט לאָזן אַוועקנעמען זייערע מענער, טאַטעס און קינדער. גויעס האָבן בלעכערנע צלמלעך פון די העלדזער אַראָפּגענומען, און זייערע זין אָנגעטון — נאַ דיר מיין קינד, אַ שמירה אויפן לאַנגן וועג. אַן אַלטע גויע האָט געהאַלטן אין איין ברעכן די הענט: יעזוס מאַריא, יעזוס מאַריא! פיר זין

באַגלייט זי יעצט, די אַלטיטשקע, און ווער וועט איר אויפן צמעטאַרוש באַגלייטן. קינדער האָבן זיך אָנגעכאַפּט באַ די כאַלאַטלעך פון די טאַטעס און זיי פעסט געהאַלטן, ווי זיי וואָלטן גרייט געווען צום גרעסטן קאַמף מיט די, וואָס וועלן פּרווון אַוועקנעמען זייערע טאַטעס. אַ יונגערמאַן האָט אַ צווייייעריק קינד פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט געהאַלטן. דאָס קינד קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, קאָן משמעות נישט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר און ברעכט אויס אין אַ געוויין — טיאַ־טיאַ!. טייל האָבן אינגאַנצן געשוויגן; שטום זיך געזעגנט, נאָר די אויגן האָבן אויסגעדריקט אַזוי פיל טיפן אומענדלעכן טרויער, אַ גאַנצן ים פון צער... די לופט איז פול געווען מיט זיפצן, קולות און האַרץ־רייסנדיקע יללות. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די פאַרמאַטערטע נשמות, פון אַט די מענטשן וואָס אויף די פורן, פליען דאָ אין מאַרק אַרום און זוכן עפּעס, זוכן עפּעס...

די פורן האָבן גערירט און ענדלעך אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן אינעם געדיכטן נעפּל פון שטויב, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן און אַלע האָבן שטום, שוין אָן זיפצן און קולות, אין זייערע הייזלעך צוריקגעקערט; שטיל, שעמעוודיק זיך צוריק אין זייערע געוועלבלעך אַריינגעגנבעט, אָבער אַלע אָן חשק צום לעבן. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס לעבן איז מיט יענע פאָדוואָדעס, וואָס זענען נאָר וואָס אָפּגעגאַנגען, מיטגעפאָרן, און אַז דאָ, אין שטעטל, איז נאָר אַ פוילע פוסטקייט, אַן אומענדלעכער טרויער געבליבן, און אַז קיינמאָל, קיינמאָל וועט שוין אַנדערש נישט זיין.

II

דער איינציקער פרייוויליקער.

אין שטעטל איז אַלץ ווי אָפּגעשטאָרבן, מענטשן זענען ווי די שאָטנס, אַרומגעגאַנגען — פינצטערע, טרויעריקע, די קעפּ אַראָפּגעלאָזט. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויף יעדנס פּלייצעס ליגט עפּעס אַ שווערער שטיין, וואָס דריקט אים. לאָזט אים דעם קאָפּ נישט אויפהייבן. אַפילו זמירות פלעגט מען פרייטיק-צונאַכטס, דורך די פענצטער, נישט הערן. — מ'פלעגט זיי אָפּכאַפּן גלאַט אַזוי, גיך, אין דער שטיל, פאַר יוצא ווערן. און פלעגט עמעצער זיך שוין יאָ אַמאָל צעזינגען בײַ כּל מקדש, איז דאָס אַרויסגעקומען אַזוי טרויעריק, אַז ס'איז גיכער ענלעך געווען צו אַ קינה, צו אַ אלי ציון. פאַריתומט איז געשטאַנען דער ברייטער שול-הויף, וווּ ס'פלעגן געשטעלט ווערן די חופּות. און האָט שוין עמעצער יאָ חתונה געמאַכט אַ קינד, ווייל ר'האָט נישט געוואָלט דעם זמן חתונה, וואָס איז נאָך מיט אַ פּאָר חדשים פריער אָפּגערעדט געוואָרן, משנה זיין, איז די חתונה געווען אַ שטילע, „פּאָקריאָמו", אָדער ווי די אַלטע ווייבער פלעגן זאָגן: „גיכער ענלעך צו אַ פּאָגזשעב"... — אָן כּלי-זמרים, די חופּה אויפן הויף, געבעטן קוים אַ מנין מענטשן און יוצא.

אויך אויף דער קריסטלעכער גאַס האָט געדריקט אַ אומעטיקייט. דער אַלטער ווינצענטי אויף סטאָקער גאַס, וואָס פלעגט שטענדיק זומער-פאַרנאַכט פאַר זיין הייזל אין גערטנדל אויף אַ קליין בענ-

קעלע זיך אַוועקזעצן, אַרום אים אַ מחנה קינדער, פֿאַרשיידענע פֿריילעכע מאַרשן אויף זיין האַרמאָניקע אויסשפּילן, האָט נאָך אַפֿילו זיין געווינהייט נישט משנה געווען און שפּילט נאַכט בײַ נאַכט ווידער. אָבער שוין נישט די אַמאָליקע פֿריילעכע מאַרשן, נאָר אַנדערע, גאָר אַנדערע, עפּעס אַזעלכע אָפּגעהאַקטע זאַכן, קענטיק זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס, וואָס נאָר ער אַליין פֿאַרשטייט זיי. זיין האַרמאָניקע איז עפּעס נישט צופֿרידן און קלאָגט זיך... צוויי זין, ווי די סאָסנעס, האָט מען אים אין איין טאָג צוגענומען. אַרום אים איז פּוסט — קיינער הערט שוין נישט זיין שפּילן. פֿאַרוויסט איז געוואָרן דער שפּאַצירגאַנג — פֿאָרלעך זעט מען מער פֿאַר די אויגן נישט אָן...

עטוואָס לעבן האָט נאָר אַריינגעטראָגן משה חזירל. בייטאָג, אַז די זון האָט שטאַרק געפּרעגלט דאָס שטעטל און די דושנעקייט איז אַזש געוואָרן גערעכט, האָבן די קרעמער מיט פֿאַרשלאָפֿענע, אָפּגעבלאַקעוועטע, אויסגעמאַטערטע פּנימער, פֿאַר די טירן פֿון זייערע קרעמלעך זיך צונויפֿגעזאַמלט און משה חזירל האָט זיי דערציילט „נייעס” פֿון דער מלחמה.

משה חזירל, אַ יידל אַ קליינס, אַ רירעוודיקס, מיט צוויי גלאַנצנדיקע אייגעלעך, ווי בײַ אַ מייזל, שטענדיק אינם זעלבן צעריסענעם, לאַנגן צייגן־כאַלאַטל, וואָס האָט זיך אים געבאָמבלט אינטער די פּיס, און אין אַ טוכן קאַשקעטל מיטן דאַשעק טיף אין די אויגן. ער איז דאָס געווען די לעבעדיקע צייטונג. גאַנצע אַרמייען פֿלעגט ער צעקלאַפּן נאָך איידער ס'האָט זיך דאָס געחלומט הינדענבורגן. דעם מאַרש פֿון אַלע אַרמייען האָט ער אויף דער האַנט אויסגעמאָלט. טאָמער האָט אים איינער איבערגעשפּאַרט, אָדער געצווייפֿלט אין דער ריכטיקייט פֿון זיין סטראַטעגיע, איז ער געווען גרייט יענעם עוקר מן השורש צו זיין. מיט שוים אויף די ליפּן פֿלעגט ער פֿאַרטיידיקן זיינע השערות.

פֿון אַ וואָסערע קוועלן ר'האָט זיינע נייעס געשעפּט, ווייס איין גאָט און ער. נאָר דאָך, אַז משה חזירל פֿלעגט עפּעס דערציילן, האָבן אַלע מויל און אויערן אויפֿגעשטעלט. ווו ער פֿלעגט זיך נאָר באַווייזן האָט זיך באַלד אַרום אים אַ רעדל יידן צונויפֿגעזאַמלט

און געשלונגען יעדעס וואָרט, הגם זיי האָבן גוט געוווסט, אַז משה חזירל דערציילט, איז עס נאָך נישט תורת־לאָקשן.

מער צוטרוי האָט דאָס שטעטל געהאַט צו די נייעסן פון סאַלאָמאָן גרינוואַלד, דער אַדוואָקאַט אין שטעטל.

דאָס איז געווען אַ באַפרייטער בחור פון אַ יאָר עטלעכע און צוואָנציק. אַ שטעטלדיקער לייב — דער טרוים און אידעאַל פון אַלע מיידלעך אין שטעטל. אַ געזונטער, הויכער יונג מיט ברייטע פּלייצעס און פעסטע מוסקולייסטע הענט. נאָר אויגן מידע, ס'האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט אַ אינערלעכע גייסטיקע מידיקייט. ר'האָט אויך שטענדיק געטראָגן אַ סטודענטישע „פוראַזשקע", הגם קיינער האָט נישט גאָכגעקאָנטראָלירט צי איז ער ווירקלעך אַמאָל געווען אין אוניווערזיטעט.

אין שטעטל אַריין האָט ער פאַרבלאָנדזשעט נאָך מיט אַ יאָר צווי צוריק, ווו ר'האָט זיך באַשעפטיקט מיט פּראָשעניעס שרייבן און איז אָפט אויך אין סאָנד אַרויסגעטרעטן.

דעמאָלט, אין אָנהויב מלחמה, איז אַ צייטונג נאָך געווען אַ זעלטנהייט אין שטעטל. פלעגט אַמאָל עמיצער פון וואַרשע מיטברענגען מיט זיך אַ צייטונג, האָט זי דאָס גאַנצע שטעטל געלייענט— פון האַנט צו האַנט איז זי אַרומגעגאַנגען, ביז זי איז אינגאַנצן צעריבן געוואָרן... האָט זי אָבער דער עולם גאַנץ ווייניק פאַרשטאַנען און פון די „קענערס" — די וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר ידענים אין פּאָליטיק, פלעגט יעדער לערנען אַנ'אַנדער פּשט אין דער צייטונג, אַזוי אַז דער עולם האָט געהאַט ווייניק אמונה אין זיי...

גרינוואַלדן אָבער האָט מען געגלייבט, ער האָט דאָך דאַמאָלט אַזש פון סאַמע מאָסקווע דעם „רוסקאָע סלאָוואָ" יעדן טאָג, דורכן פּאָסט־טרעגער, באַקומען.

ער האָט געוווינט אין עק שטעטל, אַזש צו די באַגנעס צו, אין אַ גויש הייזל, וואָס האָט פאַרן פענצטער אַ גערטנדל געהאַט. ביי־טאָג, האָט ער ליב געהאַט, אין די תחתונים און אין אַ ווייסער בלוזע אויף אַ באַנק אין גערטנדל זיך אויסצוציען, אויסשפּרייטן די צייטונג און לעזן. דאַמאָלט פלעגט אַ נייגעריקער ייד אומישנע אין

גרינוואַלדס גערטנדל פאַרבלאָנדזשען, הכנעהדיק דאָס היטל אַראָפּ־געמען מיט אַ ברייטן „דזשען דאָבריי", און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט איין עלנבויגן אויפן נידעריקן פּאַרקאַן, וואָס אַרום גערטנדל, נישט דרייסט אַ פרעג טון: — וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער מלחמה. דער פּאַן מוז דאָך געוויס וויסן, ער לייענט דאָך די רוסישע גאַזע־טעס אַזש פון סאַמע פּיטערבאַרג...

צו גרינוואַלדן האָט מען באַדאַרפט האָבן מזל — טרעפן אים אין אַ גוטער שטימונג. דעמאָלט פלעגט ער זיך אַריינלאָזן אין אַ טיפן שמועס, אויסדערציילן אַלץ באריכות, וואָס ס'שטייט געשריבן אין דער צייטונג; טיילמאָל גאָר אַריינרופן אין גערטנדל, הייסן זיך זעצן און ווייזן אויף אַ מאַפּע ווו די חילות שטייען... האָט מען אים אָבער געטראָפן אין אַ שלעכטער מינוט, פלעגט ער אַזאַ פּאָר בייזע אויגן אויסגלאָצן, אַז יענער האָט זיך קוים אָפּגעטראָגן, מורמלענדיק אונטער דער נאָז: — אַזאַ פושע ישראל, אַזאַ פושע ישראל...

אין שטעטל האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ גוטן, נאָר זייער אַ קאַפּריזנעם און נערוועזן מענטש און נישט יעדער פלעגט דערי־בער פּרוּוון פאַרפירן מיט אים שמועסן וועגן פּאָליטיק. האָט עס שוין יאָ עמיצער געטון, האָט עס באַלד געוווּסט גאַנץ קהל, פון מויל צו מויל, פון אויער צו אויער איז עס געגאַנגען און יעדער האָט נאָך צוגעלייגט עפּעס אייגנס, ביז ס'זענען אויסגעוואַקסן גאַנצע לעגענדעס, משונהדיקע מעשיות, וואָס ווען גרינוואַלד אַליין זאָל זיי הערן איבערדערציילן וואָלט ער געוויס נישט דערקענט דעם מקור פון וואַנען זיי שטאַמען.

יעדן פאַרנאַכט פלעגט אויפן באַלקאָן באַם אַפּטייקער, אַן אַל־טער קאַוואַלער, וואָס האָט געוווינט אין אַ בוידעם־שטוב איבער דער אַפּטייק אַנטקייגן קאָשציאָל, זיך דערזעלבער גרינוואַלד אויף אַ לענ־שטול אויסציען און זיך לאָזן הערן, אויפן קול איבערן שטעטל פאַרשיידענע רוסישע און פוילישע לידער און ראָמאַנסן אויסזינגען. דער אַפּטייקער פלעגט אים אַקאָמפּאַנירן אויף אַ גיטאַרע... אונטן, אויפן ברייטן מאַרק־פּלאַץ, ווו יעדן דינסטיק און פרייטיק איז גע־ווען דער יריד אין שטעטל, און וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע פיר זייטן מיט קראָמען, ווי אַ פאַרמאַכטער קאַסטן, האָבן

גרופּקעס בחורים און מיידלעך, חדר־יונגלעך און גלאַט קינדער, זיך אַנטקעגן באַלקאָן צענויפגעזאַמלט און צוגעהערט צו די טענער, וואָס זענען זיך צעפלויגן איבערן מאַרק... טיילמאָל פלעגט אַ בחורל, אַ געזעלן, וואָס אַרבעט אין וואַרשע און איז אין שטעטל געקומען צוגאַסט, די הויזן איבער די שטיוול אַריבערגעלאָזט, אַ שטייף פּאַפּירן קעלנערל אויפן העלדזל און אַ ממזריש קליין היטל מיט אַ שמאָלע דענקע פּאַצעטיש אַראָפּגערוקט ביז אין די אויגן, צופּאַטשן מיט די הענט און שרייען — בראַוואָ! ווען גרינוואַלד האָט עפּעס אַ ליד געענדיקט און די דערוואַקסענע כּלה־מיידלעך האָבן אויף אים אַ פּאָר נייגעריקע אויגן אויסגעגלאָצט, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „אָט וואָס ס'הייסט אַ מענטש, וואָס לעבט אין אַ גרויסער שטאָט,—אָט ער ווייס, ווי מען דאַרף זיך באַגיין"...

זינט אָבער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז דער באַלקאָן געוואָרן ווי פּאַריתומט, די גיטאַרע איז אַנטשוויגן געוואָרן. גרינוואַלד פלעגט זיך נאָך אַמאָל באַווייזן אויפן באַלקאָן, אָבער שוין אָן שום זינגערייען, ערנסטער, פאַרטראַכטער

ער האָט די מלחמה אויפגענומען גאַנץ אַנדערש, ווי דאָס גאַנצע שטעטל. אין דער צייט, ווען אַלע האָבן די מלחמה באַטראַכט פאַר אַ שרעקלעכן אומגליק, ווי אַ ים צרות, וואָס דער רבונו של עולם שיקט אַראָפּ אויף די מענטשן פאַר זייערע גרויסע זינד, איז גרינוואַלד טיף אין האַרץ געווען צופרידן פון דעם מלחמה־אויסברוך הגם ר'האָט גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַ גרויזאַמקייטן און באַרבאַרישקייט זי ברענגט מיט זיך. דאָס אַלטעגלעכע, די פּוסטקייט און מאָנאָטאָנעקייט פונם לעבן, דאָס וואָס דער מאָרגן איז נאָר אַ קאָפּיע פונם נעכטן און דער איבערמאָרגן איז נאָר אַן איבערחזורונג פונם אייערנעכטן, איז אים שוין אַזוי נמאס געוואָרן, אז ס'האָט זיך שוין אַזוי געוואָלט עפּעס אַן איבערקערעניש, אַ פאַרוויסטעניש, אַן אָפּשווענקונג פונם אַלטן — מעג זיין אַ חורבן, אַ הוראַגאַן, אַ מבול, אַבי נישט די אַלטע פּוסטקייט; אַבי פרישעס, נאָך נישט איבערגעלעבטעס, אַבי עפּעס נייעס, שטאַרקעס... און זינט דער מלחמה האָט ער אָנגעהויבן צו פילן, אַז דאָס שטעטל איז געוואָרן פאַר אים מיט אַמאָל צו ענג. ער האָט נישט געוווּסט אויף קלאָר וואָס דאָס איז

נאָר עפּעס פאַרנעפּעלטערהייט האָט ער געשפּירט, אַז ער איז נישט אינגאַנצן געררעכט... ערגעץ איז אַ בראָך, אַ גרויסער בראָך און ער האָט ערגעץ אויף אַן אינדזל זיך פאַרקליבן, כּדי דעם שטורם איבערצוואַרטן... און דאָס האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַזוי קליינלעך, אַזוי פּחדנותדיק, אַזוי נישט אינטערעסאַנט... אָפּט פלעגט ער קענען זיין געוויינהייט, איבער די געסלעך פון שטעטל אַרומשפּאַנען, איינקוקן זיך אין די געזיכטער פון די פאַרבייגייענדיקע און וועלן פאַרשן מיט זיינע בליקן — צי ענדערט זיך עפּעס ביי זיי אין מח?.. אָבער ער פלעגט נאָר אַראָפּלייגן אַן איינגעבוירענע שרעק פאַר דער אייגענער פעל און צוזאַמען דערמיט אַ גלייכגילטיקייט צו אַלעם, וואָס וואָלט זיך נאָר נישט געקאָנט אָנקערן מיט זייער אייגן לייב — אַן עקל צו זיך אַליין פלעגט אים דאַן אָנכאַפּן; — אָט ער, פלעגט ער זיך טראַכטן, איז אויך נישט בעסער און פאַרשטענדלעכער פון די מענטשן, וואָס באַגרייפן גאָרנישט... ער זיצט אויך פאַרשטעקט אין דעם שטייענדיקן זומפּ... און דענסטמאָל פלעגט בלייבן ליגן אין אים, שווער ווי בליי, איינאייניציק געפיל — אַנטלויפן פון דאַנען וואָס שנעלער.

דערווייל האָבן זיך אין שטעטל גענומען באַווייזן סאָלדאַטן. פון ערגעץ־ווו זענען אָפּט דורכגעפאָרן לאַנגע אָבאָזן און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר שעה אויסרוען. אין שטעטל זענען סאָלדאַטן נישט געווען אַזאַ שטאַרק נייעס. נאָך פאַר דער מלחמה פלעגט וועלכן שוסטערס, אָדער בעל־עגלהס אַ זונדל, נאָך אַ יאָר סלוזשבע אין אַ אולאַנען, אָדער הוזאַרן־פּאָלק, ערגעץ אין קאַלוגא אָדער טולאַ, אין שטעטל זיך אַראָפּכאַפּן אויף אורלויב און דערביי זיך טאַקע באַווייזן. — אַזאַ איינער פלעגט אַרויסגיין אין גאַס, אַז ס'האָט געפּעכלט: אַ פּאָר געפּאַסטע שטיוועלעך מיט קלינגעדיקע שפּאָרן און בלישטשענדיקע לאַקירטע כאָליעוועס, אַן אָפּגעפּוצטן שינעל מיט רויטע גלאַנצנדיקע מעשענע קנעפּ צוגעשפּילעט ביז אַרויף. דאָס סאָלדאַטסקע היטל, יאָלדיש פאַרוקט אויף אַ זייט און אין דער צווייטער זייט אַ גראָבע קאָזאַצקע פּאה. די וואָנסעס שטיוונע, פּוקסאַטירטע, ווייליונגעריש פאַרדרייט אין דער הויך. פון אַזעלכן פלעגט זיך טראָגן אַ ריח פון שמעקעדיקן זייף און שטאַרקע ביליקן

פאַרפּום, ווי פון אַ קאָסמעטישן מאַגאַזין. האָט זיך באַוויזן אַזאַ סאָל־דאַטל אין שטעטל, האָט ער שוין געהאַט אַ געזיכערטן דערפאָלג בײַ די דינסט־מיידלעך און חדר־יונגלעך — בײַ זיי פלעגן אַזש די אויגן ברענען פאַר קנאה. בײַ די באַלעבאַטישע יידן און יידענעס אָבער, האָט אַזעלכער גאַנץ ווינציק אויסגענומען, — אדרבה, זיי פלעגן אים נאָך אַוועקמאַכן מיט דער האַנט: „עט, פאָניע גנב״...

די איצטיקע סאָלדאַטן, דאָס זענען שוין געווען גאַנץ אַנדערע — פאַרחושכטע, פאַרשוואַרצטע; די פּנימער אויסגעמאַטערטע, פאַר־שטויבטע און אומגעוואַשענע. די שינעלן גרויע, צעריסענע. און גע־קומען זענען זיי נישט אויף אורלויב פון קאַלוגאַ כדי זיך צו באַ־וויזן, נאָר עפּעס פון אַן אַנדערער וועלט, פון אַ וועלט, וווּ ס׳ראַנ־גלען זיך לעבן און טויט... און אויסגעזען האָבן זיי עפּעס אַזוי סודותדיק, — ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יעדער פון זיי פאַרבאָרגט אין זיך עפּעס אַ שרעקלעכן סוד, וועלכן ער וויל נישט קיינעם פאַרטרויען... האָבן זיך אין שטעטל אַרום די דורכפאָרנדיקע סאָל־דאַטן אַרומגעשטעלט מחנות מענטשן און נייגעריק זיי אויסגעפרעגט ווי ס׳גייט עפּעס צו דאָרט אויף יענער זייט... די סאָלדאַטן האָבן דערציילט און דערציילט... דער עולם האָט געשפּאַנט געהערט און תמיד אַוועקגעגאַנגען אומצופרידן — נישט דאָס האָבן זיי געמיינט. — אַלץ האָט דאַכט זיך דער סאָלדאַט דערציילט, אָבער דעם סוד, וואָס ער טראָגט טיף באַגראָבן אין זיך, דאָס האָט ער דאָך נישט אויסגעזאָגט...

גרינוואַלדן האָט צו די גרויע סאָלדאַטלעך באַזונדער געצויגן. ר׳האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק פאַרביי גיין פאַר אַזאַ קאָמפּאַניע „זעמליאַקי!“ — פלעגט ער זיי אַ רוף טון — קומט מאַכן אַ שנעפּסל. בעלנים האָט ער תמיד געפונען אַ סך און ער פלעגט זיי אַוועקפירן צו יוסף איצעלס אין שענק, ווו ר׳האָט זיי געהייסן געבן בראָנפן און ביר. און דערביי פאַרפירן מיט זיי שמועסן, אָדער צוהערן זיך צו זייער זינגען...

יוסף איצעלס שענק, דאָס איז געווען אַ הילצערנע בודע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן מאַרק: ביידע טירן אויפגעפּראַלט. אויף די טירן האָבן געהאָנגען צוויי שילדן: אויף איינעם איז געווען אויס־

געמאָלט אַ נישקשהדיקער טרינקער מיט אַ פּאַרריסענעם קאָפּ און אַן איבערגעקערט פלעשל בראָנפן אין מויל, וואָס גיסט זיך אים גלייך אין גרגרת אַריין, און אויפן צווייטן איז געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע פעטע אותיות „ראַספּיוואָטשנאַיאַ", „פּראָדאַזשאַ פּיוואַ" א.ד.ג. די שענק איז באַשטאַנען פון צוויי לאַנגע צימערן מיט אַ האַלב־שטיינערנער, האַלב־ציגעלנער פּאָדלאָגע. לענג־אויס די ווענט זענען געשטאַנען לאַנגע טונקל־רויטע טישן, וואָס זענען געווען גע־פאַרבט מיט קלעבעדיקער רויטער פאַרב און האָבן געהאַט פעטע פלעקן פון ביר. אַרום די טישן זענען לאַנגע בענק, צוגעשלאָגן איינע צו די אַנדערע. אויף די בענק פלעגן זיך די סאָלדאַטלעך אויסזעצן און גרינוואַלד צווישן זיי. תּחילת פלעגן זיי זיך פילן אַביסל קרעמ־פירט אין דער קעגנוואַרט פון אַ „באַרין", נאָר שפּעטער, אַז זיי האָבן איבערגעקערט איין כּוסה און אַ צווייטע זענען זיי געוואָרן דרייסטער, בגלופינדיקער. דערווייל האָט איינער שטיל אַ לידל אָנ־געהויבן — „דיעוואָקאַ וו ליעס, יאַ זאַ ניעי", האָט עס די רעשט באַלד אונטערגעכאַפּט און ווי אַ דונער אַלע מיט אַמאָל אַרויסגעזעצט: — „סעם דערעוועץ, דוואַ סעלאַ, קודאַ דיעוואָקאַ, טודאַ יאַ"... דע־מאָלט פלעגט זיך אויך גרינוואַלד שפּירן פריי, ווי אַן אייגענער צווישן אייגענע, און מיטברומען דאָס לידל...

איינמאָל האָט אַ סאָלדאַטל פון אַ אָבאָז מיט זיך אין שענק אַריין מיטגענומען אַ האַרמאָניקע און נאָך אַ פּאָר גוטע כּוסות זיך אויף דער ערד אַנידערגעזעצט, די האַרמאָניקע אויף דער קני, און גענומען שפּילן... האָבן זיך פון דער האַרמאָניקע אַ ריס געטון טענער, וואָס האָבן דערמאָנט אָן די ווייטע, ברייטע רוסישע סטעפּעס. די האַר־מאָניקע האָט לידיש, באַהאַרצט געוויינט און ביי די סאָלדאַטן זענען די אויגן פלוצלינג פייכט געוואָרן. טייל האָבן זיך צעכליפּעט אויפן קול, — מסתמא זיך דערמאָנט אָן דער היים... אפשר אָן די ווייבער און קינדער, וואָס זענען דאָרט געבליבן.

נאָר אָט האָט זיך איין סאָלדאַט אויפגעשטעלט און אַ געשריי געטון: „זעמליאַקי, גענוג! וואָס איז עס עפּעס אַ לוויה, צום טייוועל! נאָר איין מאָל לעבט מען. „דוואָם סמערטיאָם ניע ביוואַט, אָדנאַי

ניע מינאָוואַט!" אַ פריילעכס, אַ פריילעכס זאָלסטו מיר שפּילן, אַנישט לאָז איך פון דיר די קישקעס אַרויס".

און באַלד האָבן זיך פון דער האַרמאָניקע גאַנץ אַנדערע קולות געלאָזט הערן... די טענער האָבן געטאַנצט און אין דער לופט זיך אין אַ קאַראַהאָד געדרייט. די טישן האָט מען איינעם אויף דעם אַנדערן אַרויפגעוואָרפן און געמאַכט אַ ברייטן פּלאַץ פאַרן טאַנצן... פון ערגעץ־ווו האָט מען אַ פּייקל באַקומען. מ'האָט דעם פּויקער אויף אַ הויכע טאַבאַרעטקע אַרויפגעשטעלט און צוויי יונגע סאָלדאַטלעך האָבן זיך אַ „האָפּאַק" געלאָזט. אַלע האָבן געזונגען און צוגעטופּעט מיט די פיס צום טאַקט...

אין איין מינוט איז די אַטמאָספערע געוואָרן גאָר אַן אַנדערע — פול מיט ווילדן באַגער צום לעבן און פאַראַכטונג צום טויט. און פון דער שענק האָבן זיך די פריילעכע אויסגעשרייען, די זינגערייען, די האַלב־אָפּגעהאַקטע טענער און פאַרשידענע ניכטערע און שכורע קולות אַרויסגעריסן און פול געמאַכט דעם מאַרק...

און דאָס גאַנצע שטעטל, יונג און אַלט, האָט זיך פאַר דער שענק צענויפגעזאַמלט, זיך צוגעקוקט צו די צעהיצטע, פריילעכע פנימער פון די סאָלדאַטן און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, — וואָס איז פאַר אַ שמחה אויף זיי?

געווען אַפילו אַ רגע ווען דאָס שטעטל איז ווי מיטגעריסן געוואָרן, פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע, אַז ס'איז מלחמה. די פיס האָבן זיך ווי אַליין, געהויבן — ס'האָט זיך געוואָלט האָפּטשן, טאַנצן, דרייען זיך אין אַ ראָד און אויך אַזוי שרייען, זינגען... אָבער טאַקי נישט מער ווי אַ רגע, באַלד האָט מען זיך דערמאָנט אָן דער מלחמה, אין יענעם פרימאָרגן, ווען מ'האָט די מאָביליזירטע אָוועקגעשיקט פון שטעטל און מ'האָט זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט. — וואָס גאָר פאַרגעסן? שוין?.. און צוריק זענען די געזיכטער ערנסט געוואָרן, מיט אַ מינע פון אַבלים; אויף אַ חתונה האָט מען זיך צוגעקוקט צו דער זעלנערישער הוליאַנקע.

אויף גרינוואַלדן, וועלכער האָט שוין לאַנג געהאַט באַ זיך

באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי אַלס פרייוויליקער, האָט די הוליאַנקע געהאַט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג. פילן דאָס לעבן, האָט זיך אים יעצט אויסגעוויזן, קענען אַצינד נאָר אָט די סאָלדאַטלעך אין די גרויע שינעלן. דער שאַרפער פלוצלינגער געדאַנק פון שרעקלעכסטן טרויער און פאַרצווייפלונג צו דער ווילדסטער פריילעכקייט, וואָס ר'האָט אויף דער הוליאַנקע בייגעוווינט, האָט אויף אים דעם שטאַרקסטן איינדרוק געמאַכט, — אָט, ווער ס'פילט דאָס לעבן.

און ליגנדיק ביינאַכט אויף זיין געלעגער, האָט ער נאָך פיל דערפון געטראַכט, אַז לענגער בלייבן דאָ אין שטעטל אַלס פאַסיווער צושויער, וואָס לעבט גאָרנישט איבער, קאָן ער נישט... לעבן, הייסט — פילן דאָס לעבן, און פילן דאָס לעבן קאָן מען נאָר דאָרט, וו דאָס לעבן איז אין סכנה...

אויף צומאָרגנס האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוווּסט, אַז גרינוואַלד איז אַוועק אַלס פרייוויליקער אין דער אַרמיי.

מ'האָט געהויבן מיט די פּלייצעס, — אָט וואָס אַ משוגענעם בחור קען איינפאַלן! — — —

III

באַרג אַראָפּ.

אַז איר וועט פאַרבלאָנדזשען אַמאָל אַהער, זאָלט איר דאָ נישט זוכן דאָס אַמאָליקע שיינע, פּאַטריאַרכאַלישע שטעטל — דערפון איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן. די נשמה איז שוין לאַנג אַרויס־געפלויגן...

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דער דייטשער אָקופּאַציע.

ווי יעצט געדענק איך דעם ערשטן רושם, וואָס ס'האָט אין שטעטל געמאַכט די פאַראָרדנונג פונם דייטשישן קאָמענדאַנט צו עפענען אום שבת אַלע קראָמען.

געוועזן איז עס נאָך אין תחילת, די דייטשן זענען נאָר וואָס אַריין, די אַרמיי האָט נאָך געהאַלטן אין איין מאַרשירן איבער די גאַסן. אַ שבת איז דענסטמאָל געוועזן, ווי אַלע שבתים פון אַ גאַנץ יאָר. אויף אַלץ האָט גערוט דער שבתדיקער רוח — די נשמה יתירה. די קראָמען זענען געווען פאַרמאַכט און אין די בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך האָבן זיך יידן רויק געדאַוונט...

פּלוצלינג זענען די קינדערלעך צו די טאַטעס געקומען צו לויפן אין איין אָטעם — טאַטע, מ'רייסט אויף די געוועלבער... אי־בערגעשראָקענע האָבן די טאַטעס אויף דער גיך אָפּגעלייגט די טליתים און געלאָפן אין מאַרק אַריין... אינמיטן מאַרק איז געשטאַנען ער קאָמענדאַנט, אַ הויכער בלאָנדינער דייטש און זיין שטימע האָט געדונערט איבערן גאַנצן מאַרק: „דאָננער וועטטער! קריגס-צייט גיבט

עס קיינע פייערטאַגע!"... אַן אימה איז אָנגעפאַלן אויף די יידן, אַ פּיל גרעסערע, ווי אין יענער נאַכט, ווען די רוסן זענען אָפּגעטרעטן און פון אַלע פיר זייטן אונטערגעצונדן דאָס שטעטל. זיי האָבן דערפילט, אַז עפּעס ברעכט זיך, עפּעס שטייט אין סכנה...

בלייכע, צעטומלטע זענען זיי יענעם שבת געשטאַנען אין די קראָמען און אויף דער נאַכט דעם ריווח פונם טאָג־פּדיון אַריינגע־וואָרפן אין די פּושקע פון רבי מאיר בעל־נס. מאָנטיק — געפאַסט.

דאָס איז אָבער נאָר געווען דער ערשטער שבת. שפּעטער, אַז אונדזערע קרעמער האָבן דערזעען, אַז דער שבתדיקער פּדיון איז גאָרנישט קיין שלעכטער, האָט מען רבי מאיר בעל־נס אַביסל אָפּ־געגנאַרט, נישט אויסגעזאָגט אים דעם אמת וויפיל ריווח ס׳איז געווען און זיך באַנוגנט מיט אַ אָפּגעריבענעם פירער אין פּושקע אַריין.

ס׳זענען אַוועק אייניקע וואָכן; סאָלדאַטן זענען שוין מער נישט דורכגעגאַנגען; דער קאָמענדאַנט האָט שוין נישט געצוווּנגען די קראָמען צו עפענען אום שבת. די קרעמער אָבער האָבן זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט און ווייטער געהאַלטן אָפן.

איינמאָל, שבת בייטאָג, פאַרבייגייענדיק דורכן מאַרק, האָב איך באַמערקט ווי אַ גאָטספאָרכטיקע יידענע, מיט אַ קופּקע ביז אין די אויגן, וואַשט די פּאָדלאָגע פון איר געוועלב.

— טשיפּע דבורה, — האָב איך איר אַ פרעג געטון, — גאָט איז מיט אייך, וואָס טוט איר?

— עך, — האָט זי אַ טיפן גנבהשן זיפץ געטון, וואָס זאָל מ׳טון — אַזאַ בייזער גזר איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף אונדז — מ׳מוז וואַשן די פּאָדלאָגעס. באַם רוס האָט מען עס אַוודאי נישט געדאַרפט, — האָט זי געענדיקט מיט אַ ניגון פון תחינות־זאָגן.

— אָבער איר האָט דאָך געקאָנט אויסוואַשן אין דער וואָכן?

— מילא, סיי ווי סיי צווינגט מען מחלל שבת צו זיין — גאָט וועט עס נישט פאַררעכנען.

— טשיפּע דבורה — האָב איך איר געפּרווט געבן צו פאַר־שטיין, — דער קאָמענדאַנט ערלויבט דאָך שוין צו האַלטן פאַרמאַכט די קראָמען.

— גייט שוין, גייט. נאַ דיר גאָר אַ ניי אָנשיקעניש!

ערשט דעמאָלט ווען דער מורה־הוראה האָט געלאָזט אויסרופן אין די בתי־מדרשים, אַז ר׳איז מחרים יעדן, וואָס האַלט אָפּן זיין קראָם אום שבת — אַגב זענען שוין קיין סאָלדאַטן נישט דורכגע־גאַנגען און דער פּדיון איז סיי ווי געווען אַ שוואַכער — האָט ווידער דער באַליידיקטער שבת זיין מקום מנוחה אין שטעטל געפונען.

דער גלאַנץ פונם אַמאָליקן שטעטלדיקן שבת איז שוין אָבער אַראָפּ. ר׳איז שוין געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך. אַוועקטראָגן אַ פּראָ־שעניע אין קרייז־אַמט — מ׳זאָל אים געבן מעל און צוקער — פלעגט אַפילו אַ פרומער ייד אויך אום שבת. און אויב אַפילו נישט ער אַליין, האָט ער דאַמיט געשיקט זיין מיידל.

מיט דעם אָנקומען פון די דייטשן זענען איבערהויפּט מערסטנס פונקציעס אינם שטעטל איבערגעגאַנגען פון די מענער צו די מיידלעך... זיי זענען געוואָרן אַ באַזונדערער פּריוויליגירטער קלאַס, אָן וועמען מ׳האָט נישט געקאָנט שטעלן אַ טריט אין שטעטל: — אָן זייער פאַר־מיטלונג האָט מען גאָרנישט געקאָנט פועלן.

די פונקציעס זייערע זענען געווען פאַרשיידענע: געווען אַזעל־כע, וואָס האָבן נאָר געקאָנט אויסווירקן אַ „רייזעשיין" צו פאָרן מיטן באַן, אַנדערע האָבן נאָר געקאָנט אַ טובה טון באַם וואַכמייסטער אויף צוריקצוגעבן אַ רעקווירירטע זאַך, אָדער דורכלאָזן אַ שמוגל.

די הויפּטראָלע אָבער האָבן געשפּילט די „צוקערמיידלעך",— אַזוי האָט מען גערופן יענע, וואָס פלעגן באַקומען יעדן חודש צו־קער, כלומרשט פאַר דער באַפעלקערונג, — וועלכע זענען געווען על פּי רוב טעכטער פון באַלעבאַטישע פרומע עלטערן און אָפּטמאָל גאָר פון יחסנים

די „צוקערמיידלעך", דאָס איז געווען אַ באַזונדערע קאַסטע. ס׳איז גענוג געווען איר זאָלט קומען אין שטעטל דאָס ערשטע מאָל און דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זען פאַרבייגיין אַזאַ מיידל, אויב איר פאַרמאָגט נאָר אַ שאַרף אויג, האָט איר גלייך געקאָנט אָנווייזן, אַז דאָ גייט אַ זיסע... כ׳קען אייך יעצט נישט גענוי אָנווייזן די סמנים; ס׳איז אייך אויך יעצט נישט נויטיק זיי צו וויסן, ווייל זיי זענען שוין סיי ווי סיי פאַרשווינדן געוואָרן פונם האָריזאָנט... דע־מאָלט אָבער האָבן זיי געשפּילט אַ גרויסע ראָליע און אפשר אַ

דאָמיבירנדיקע, — באַ זיי אין האַנט איז נישט נאָר געלעגן דער צו־קער, נאָר אויך די גאַנצע מאַכט איבערן שטעטל: די קולטורעלעד ווינשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע... גענוג געווען איין ווונק פון אַזעלכער און ס'זענען געשלאָסן געוואָרן פאַריינען, שולן, א. ד. ג. און טיילמאָל אויך פאַרקערט — געעפנט געוואָרן; לעגאַליזירט גע־וואָרן פאַרטייען, פאַרזאַמלונגען, פאַרלעזונגען, טעאַטער־פאָרשטעלונ־גען וכדומה.

דער צוקער פונם קרייז־אַמט, דאָס איז געווען אַ קוואַל פון פּרנסה, פון וועלכן אַלע שטעטלשע אייגוויינער האָבן געוואָלט טרינ־קען. זוכה געווען אָבער דערצו האָט נאָר דער, וואָס זיין טאָכטער האָט חן געפונען באַם ממונה.

מאַכט זיך אַמאָל אַ מעשה, — אַ פּאָרל קלויבט זיך חתונה האָבן. פאַרשטייט זיך, אַז מ'מוז פריער זיך מכין זיין אַ שטיקל חיונה. פון וואַנען אָבער? נאָר וואָס שייך פון וואַנען, — פונם זעלביקן מקור וואָס אַלע. — מ'בעט אין קרייז־אַמט אַביסל צוקער, כאָטש אַ זעקל אַ חודש.

האָט די כלה באַם שטעטלדיקן, בעסטן פּראָשעניע־שרייבער אַ „ביטע" געלאָזט שרייבן, און דער שרייבער האָט אָנגעשריבן די פּראָשעניע מיטן גאַנצן קנאַק — בעסער ווי אין אַ תחינה: אַ יתומה, דאַרף מפרנס זיין אַן אַלטע קראַנקע מאַמע מיט אַכט קליינע פּיצ־לעך קינדערלעך, געפינט זיך אין אַ גרויסער נויט וכדומה, זי בעט דעריבער דעם גענעדיקן גרויסן הער ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף יתומים, און נאָך און נאָך אַזעלכע תחנונים־רייד, וואָס האָבן באַ־דאַרפט דאָס שטיינערנע האַרץ פונם ממונה רירן. זי איז מיט דער פּראָשעניע אַליין געגאַנגען אין קרייז־אַמט און דווקא נושא חן געווען.

דער ממונה איז געווען אַ קליינער, קיילעכדיקער, רויטער דייטש מיט אַ גרויסן אַרויסגעשטאַרטן בויך מיט אַ ברוין־בלויער שכורים־נאָז און אַ באַסאָוועדער ביר־שטימע. האַנסקע האָט ער געהייסן... ר'האָט אַ בליק געגעבן אין דער פּראָשעניע און נאָך בעסער באַטראַכט דאָס מיידל און ממזריש מיט די וואַסערדיקע אייגעלעך אַ ווינק געגעבן: „עך, צוקער? האָט ער גוטמוטיק געברומט — געבנדיק איר דערוייל

אַ קניפּ אין בעקל, — צוקער וואָללען זיי? זער גוט, זער גוט! ווי וואָנען זיי?״ און באַקומענדיק איר אַדרעס האָט ער איר צוגעזאָגט, אַז ר׳וועט איר שוין אַליין אין איר ווינונג באַזוכן, כּדי איבערצו־ צייגן זיך, צי זי איז ווירקלעך אַ נויטבאַדערפטיקע.

און כך הווה. ביינאַכט, ווען די כּלה איז געזעסן מיטן חתן — דער פּריץ איז דאָ. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה כּיבוד. דער בייכיקער דייטש האָט איבערגעקערט איין כּוסה, די צווייטע, די דריטע, געוואָרן צוגעלאָזן און ווייך ווי פּוטער, צו־ געזאָגט הרים וגבעות — באַ אַלע מיידלעך וועט ער דעם צוקער צונעמען — זיי זענען אים שוין דערעסן געוואָרן, פּפוי טויפל!—נאָר איר, דער כּלה, וועט ער דעם גאַנצן צוקער אָוועקגעבן... דערביי האָט ער זיך צוגערוקט צו דער כּלה אַלץ נענטער, געגלעט איר פּאָרן באַק, תּחילת כּלומרשט פּאָטערלעך, ווי אַן עלטער׳ער גלעט אַ קינד, גלאַט אַזוי — גאָט די נשמה שולדיק. אַלע מאָל איז ער אָבער געוואָרן אַלץ דרייסטער און אין דער קעגנוואַרט פונם חתן זי אַרומ־ גענומען, געקושט וכדומה.

דער חתן איז געווען דווקא אַ פּראָסטער יונג, נאָר אַ גבר אַלים, אַ יונג מיט ביינער. האָט אין אים אויפגעקאָכט דאָס בלוט — די אייפערזוכט און אייגנליבע האָט זיך באַ אים אויפגעכאַפּט. ר׳האָט זיך אָן אַלץ פאַרגעסן, צוגעגאַנגען צום דייטש פון הינטן, אַרומגע־ נומען אים מיט זיינע פעסטע אָרעמס, ווי מיט קלעשטשעס, אויפגע־ הויבן אים אין דער לופט און דערנאָך אַזאַ האַסטיקן זעץ אַנידער געגעבן אויף דער שטול, אַז באַם דייטש האָבן זיך שיעור נישט די געדערעם איבערגעדרייט. — איך מאַך דיר דאָ די מיתה!! — האָט ער געשריגן, נישט ווייסנדיק אַליין, וואָס ער טוט און וואָס ער רעדט.

אין שטוב איז געוואָרן אַ גוואַלד. — אוי, גזלן! דו פירסט דאָך אונדז איבער, דו ברענגסט דאָך אונדז אום! — דער חתן האָט אָבער גאָרנישט געוווסט, וואָס מ׳רעדט צו אים. ר׳האָט נאָר געהאַלטן אין איין שרייען צום דייטש — „פּאַשאָל וואָן פון דאַנען, פאַרשיווייעץ! מיין כּלה וועסטו טשעפּען!״

דער דייטש האָט זיך, ווייזט אויס, געשעמט צו מאַכן פון דער געשיכטע אַ פּירוש און דעם בחור דעריבער געלאָזט צורו. נאָר

דערפאַר, אַז אויף צומאָרגנס זענען ווידער די שטעטלדיקע מיידלעך אין קרייז=אַמט אַריין געקומען צוקער בעטן, האָט ער זיי באַגעגנט מיט אַזאַ ליאַרם, אַז דער גאַנצער קרייז=אַמט האָט זיך אַזש געטרייסלט. זיין באַסאָווע ביר=שטימע האָט געדונערט און די אָדערן אויפן האַלדז האָבן זיך אָנגעצויגן ווי בלויע שטריקלעך: „לאַאוס פאָן היער, פערפלוכטע באַנדע, קיין צוקער מער!“

דער שידוך, פאַרשטייט זיך, איז אָפּגעגאַנגען נאָך דער מעשה. אַזאַ בחור, וואָס קאָן בידים קאַליע מאַכן אַ פּרנסה בכבוד, איז נישט ווערט צו האָבן אַ ווייב. אָבער נישט דאָס אַליין, — דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך צו אים גענומען און פראָסט גרייט געווען קורע כּדג זיין. ס'טייטש, אַ גאַנצע עדה יידן האָט ער איבערגעפירט, דאָס שטיקל ברויט פונם מויל אַוועקגענומען, — אַ קליינִיקייט!..

אונדזער שטעטל איז תמיד געווען אויסגעווייקט אין חסידות. פלעגט קומען אַ יום=טוב, האָט אַ האַלב שטעטל מאַנסלייט געפּעלט. אין די חסידים=שטיבלעך איז אַזש געוואָרן מרה=שחורהדיק פוסט... פון די סאַמע קאַרפּן=קעפּ און די זיידענע יונגעלייטלעך, — פון זיי איז אָפּגערעדט — ווי דען זאָלן זיי זיין, אַז נישט באַם רבּין? נאָר אַפילו פון די פּשוטע יידן — פון די צווייט=קלאַסיקע חסידים, האָט אויך געפּעלט אַ שטאַרקע העלפט. ווער שמועסט נאָך אויף שבועות צו קבלת התורה — דאַמאָלס פלעגן פונם שטעטל גאַנצע קאַראַוואַנעס פורן אָפּגיין צום רבין.

אַ נאַכט פאַר ערב שבועות פלעגט מען כּמעט אַלע בעלי=עגלות אָפּדינגען, און כּחצות הלילה האָט מען זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אויף דער שאָסיי=גאַס פלעגן שוין די פורן אין אַ לאַנגע ריי איינע אונטער דער אַנדערער שטיין. אויף טייל האָבן זיך געברענט שטורקאַצן, פון וועלכע ס'האָט זיך געשלענגלט אַ פייערל, אויסגעמישט מיט שוואַרצן געדיכטן רויך און קאָפּיטש. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַהין געצויגן יידן מיט פעקלעך אונטער די אָרעמס, — דאָס האָבן זיי די שבתדיקע אַטלעסנע קאַפּאָטע, שטריימל און טלית

מיט זיך געטראָגן... טייל האָבן אויך אין די פּעקלעך געהאַט אַ גוט ביסל שנאַפּס מיט עפּעס צו פאַרבייסן. זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף די פּורלעך צו צען, פּופּצן פאַרשוין און פאַשאָל.

און אַבי די פורן האָבן זיך נאָר פון דער שאָסיי־גאַס אויפן שליאַך פאַרקערעוועט, האָט מען זיך שוין דערפילט פריי, לעבעדיק און געשפּירט, אַז מ׳פאָרט טאַקע צום רבין... האָט איינער אָנגעהויבן אונטערברומען שטיל פאַר זיך עפּעס אַ פאַרצייטישן חסידישן נגון, וואָס ר׳האָט אַמאָל באַם אַלטן זכרונו לברכה צום שלש סעודות גע־הערט. האָבן באַלד די אַנדערע אונטערגעכאַפּט און אויך שטיל מיט־געזינגען און די טענער זענען זיך איבער די פעלדער צעפלויגן, ווי פאַרוואָגלטע נשמות, וואָס האָבן זיך דאָ אַרומגעבלאָנקעט און אויף אַ תיקון געוואַרט האָבן זיך אין זיי מתלבש געווען און אַן עליה באַקומען... טיילמאָל פלעגט איינער אַ „גוט וואָרט” אָדער אַ „תורה” פון ”אים זאָל לעבן”, אָדער פונם אַלטן זכרונו לברכה נאָכזאָגן. די פערדלעך האָבן זיך פויל געשלעפּט איבערן זאַמדיקן וועג און די חסידים זענען אייניקוויז פון די פורלעך אַראָפּגעקראָכן און צו־פוס געגאַנגען... איז מען דורך אַ וועלדל אַדורכגעפאָרן, האָט מען זיך אויף די פּיעניעס פון די אָפּגעהאַקטעביימער צוגעזעצט און דערווייל אַ לחיים געמאַכט.

פאַרטאָג פלעגט מען אַריינפאָרן אין אַ וועלדל אַריין, אויס־שפּאַנען די פערדלעך און אויפן גראָז צום אונטערפּאַשן זיי אָפּלאָזן און דערווייל זיך אַוועקשטעלן דאַוונען. געדאַוונט האָט זיך דעמאָלט גאָר אַנדערש ווי שטענדיק, — מיט התלהבות, מיט אַ נגון. פון דער־ווייטנס האָט זיך עפּעס אַ פויגל צוגעזונגען. די ביימער האָבן שטיל גערוישט און מיט די קעפּלעך געשאָקלט, ווי זיי וואָלטן אויך מיט־געדאַוונט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַלץ: די גאַנצע נאַטור, דאָס וועלדל, דאָס גראָז — אַלץ האָט אויפגעלעבט, אַלץ דערהייבט זיך און גיט אָפּ אַ שבח צום גרויסן באַשעפער...

דאָס איז אָבער אַלץ געווען פריער, פאַר דער מלחמה.

אַצינד, כאָטש מ׳קומט נאָך אין די שטיבלעך אויס געוויינהייט אָדער כדי זיך צו טרעפן מיט אַ היימישן מענטש, אָבער פונם חסידות איז גאָרנישט געבליבן. קומט אַ יום־טוב, פעלט נישט קיינער — אַלץ

פלעצער זענען פארנומען. נישטאָ קיין צייט „צו פאָרן" און ס'קריכט איבערהויפּט קיינעם נישט אין קאָפּ אריין.

אין שטיבל וועט איר היינט שוין נישט הערן די אַמאָליקע שמועסן—נאָכזאָגן אַ תורה, אָדער דערציילן אַ מופת פונם רבין... און טאָמער פרווּוט זיך נאָך אַמאָל אַן אַלטער חסיד — אַ לעצטער מאָהיקאַנער — עפּעס אַ „גוט וואָרט", גלאָצן אויף אים אויס די צוהערער אַזעלכע אויגן און קוקן אים אָן מיט אַזאַ ביטול-געלעכטער, אַז דער דערציילער פאַרשעמט זיך און ווערט אַנטשוויגן.

די הויפּט-טעמא אין די שטיבלעך און בכלל אינם שטעטל איז — קאָמיטעטן.

די קאָמיטעטן, דאָס איז אַ מין באַשעפעניש, וואָס איז אויך געבוירן געוואָרן מיטן אָנקומען פונם דייטש. דער קאָמיטעט האָט באַקומען פאַר דער באַפעלקערונג אַלע פּראָדוקטן, וואָס זענען געווען פאַרבאָטן אין פרייען האַנדל און דערפאַר האָט ער באַדאַרפט מפרנס זיין די אָרעמע לייט און אויסהאַלטן אַלע צדקה-חברות.

ווערן אַ „קאָמיטעטשיק", דאָס איז געווען עפּעס אַ „ווינטשפינגערל" — דער טרוים פון אַלע יידן אין שטעטל. דאָס האָט געהייסן נישט נאָר זיין פאַרזיכערט מיט פּרנסה, נאָר בכלל מאַכן אַ קערבל.

אַריינקריגן זיך אָבער אין קאָמיטעט איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, — בעלנים איז געווען אַ סך — ווער נישט? אָבער די, וואָס זענען געזעסן אויף די בענקלעך האָבן מיט גוטן, פאַרשטייט זיך, נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

מען האָט זיך דעריבער געמוזט אַריינרייסן מיט געוואַלט; וואַרטן אויף כבוד ביז מ'וועט דיך אויסוויילן, האָט מען געקאָנט פריער די יאָרן אויסלעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע זאַך האָט געמוזט זיין אַראָפּצוואַרפן דעם אַלטן קאָמיטעט.

האָבן זיך טאַקע געפונען מענטשן, וואָס האָבן זייער גאַנצע פּרנסה פאַרלאָזן און אָפּגעגעבן זיך נאָר מיט נאָכשפּירן דעם קאָמיטעט און זוכן צו כאַפּן אים באַ אַ גנבה... אַזעלכע פלעגן גאַנצע נעכט וואַרטעווען, פאַרשטעקנדיק זיך ערגעץ נאָנט אין אַ טויער און

סוף כּל סוף כאַפּן, ווי מ׳האָט נאָך האַלבער נאַכט אויף אַ פֿור זעק־גלעך צוקער פֿונם קאָמיטעט מחוץ לעיר מיט אַ אונטערוועגל אַרויס־געשמוגלט; אָדער ווי עמעצער האָט אַ פּאָר פּוד מעל אונטער דער פּאָלע אַרויסגעטראָגן. פֿלעגן שוין דעמאָלט נעמען פֿליען מסירהלעך אויפֿן אַלטן קאָמיטעט, ביז ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן אַ נייער.

און אין צוויי וואָכן אַרום, העכסטנס אין אַ חודש אַרום, האָט שוין דער „נייער״ געהאַט דעם זעלבן סוף, וואָס דער פֿריערדיקער. און אַזוי כּסדר, כּמעט יעדן חודש, אַ פֿרישער קאָמיטעט...

אין די שטיבלעך האָט תּמיד געקאָכט, ווי אין אַ קעסל; יע־דער האָט אַנדערע אויפֿטועכצן געוויזן, ווי דעם פֿרישן קאָמיטעט משלח צו זיין... אין חסידות און אין רבין האָט מען פֿאַרגעסן, ווי אינעם טויט.

פֿלעגט מען אַמאָל אַ פֿרעג טון אַ גרויסן חסיד: „היתּכן, איר זאָלט אַזוי לאַנג נישט מאַכן קיין נסיעה?״ האָט ער אַ גרויסן קרעכץ געטון און געענטפֿערט: „שווערע צייטן, שווער זיך צו לאָזן אַזוי ווייט״.

האָט זיך אָבער אַמאָל געמאַכט, אַז אינמיטן אַ שאַרפֿן שמ׳עס וועגן אַ קאָמיטעט, וועלכן מ׳האָט געכאַפּט בײַ אַ מיאוסער מלאכה, האָט דער גבאי פֿונם שטיבל אַ קלאַפּ אין טיש געגעבן: „רבותי, ס׳איז געקומען אַ שליח מיוחד פֿונם רבין. ער געפֿינט זיך אַצינד אין ס., וואָס איז אינגאַנצן צען ווי אָרסט פֿון אונדזער שטעטל, בײַ אַן אייניקל אויף אַ בר־מצווה און בעט דעריבער אַלע חסידים צו קומען זיך משמח זיין אויף זיין שמחה של מצווה.

דער עולם איז עפּעס ווי איבערראַשט געוואָרן און מיט פֿאַר־ווונדערונג זיך איבערגעקוקט. דער רבי? גאָר פּלוצלינג? שוין גאָר אינגאַנצן געהאַט אַרויס פֿון זינען. טאַקע אַוועקגעפֿאָרן זענען צוויי דרדקי־מלמדים; די רעשט חסידים האָבן זיך געמאַכט נישט ווי סנדיק, גלייך ווי נישט זיי האָט מען געמיינט.

נאָר איין מאָל האָט דאָס שטעטל ווי אויף איין רגע זיך

אויפגעכאַפּט פונם שלאָף און געפּרוּווט אַ חשבון הנפש מאַכן,—דאָס האָט אָבער געדויערט קוים אַ רגע.

פּאַסירט האָט עס אויף אַזאַ אופן:

הגם אונדזער שטעטל איז אַ קליינס, געהערט דאָך דאָס רבנות אין אונדזער שטעטל צו די חשובסטע אין קרוין־פּוילן. אויפן כסא הרבנות אין אונדזער שטעטל זענען פון קדמונים אָן געזעסן נאָר גרויסע יחסנים און מופלגים.

דער לעצטער רב איז געווען אַ גרויסער יחסן — דעם וואָר־קערס אַ אייניקל. דערצו האָט ער געהאַט אַ הדרת־פּנים און איז געווען אַ שטעל־מענטש — דער העכסטער מענטש אין דער גאַנצער סביבה. פלעגט זיך טאַקי דאָס שטעטל צאַצקען מיטן רב. עפּעס אַ קלייניקייט אונדזער רב! — פלעגן זיי מיט אַ באַזונדערע הנאה אַ זאָג טון.

איז אָבער דער רב פאַר דער מלחמה געוואָרן עפּעס נישט מיט אַלעמען, און דאָס שטעטל האָט אים אַוועקגעשיקט אין די וואַרעם־בעדער קיין דייטשלאַנד אויף קוראַציע.

דערווייל איז די מלחמה אויסגעבראָכן און דער רב איז דאָרט געבליבן שטעקן — נישט געקאָנט צוריקקערן צו זיין עדה יידן; געליטן דאָרט גרויס דחקות און הונגער ביז די דייטשן האָבן פאַר־נומען אונדזער שטעטל.

האָט דער רב אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די דאָזיקע און גלאַט שיינע יידן, אַז זיי זאָלן אים אַהיימנעמען.

אויף אַהיימנעמען דעם רב האָט מען באַדאַרפט צוויי זאַכן: אָנגעבן אַ פּאַפּיר אין קרייזאַמט, אַז דאָס שטעטל בייטיקט זיך אין אַ רב און בעט דעריבער מ׳זאָל אים דערלויבן צוריקצוקומען; אויך שיקן אים אַ פּאָר קערבלעך אויף הוצאות הדרך.

פון אָנהייב האָט מען זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט, אָפּגעלייגט עס פון איין טאָג אויפן צווייטן. נאָר, אַז דער רב האָט גענומען שרייבן מוסר־בריף און געסטראַשעט מיט גאָטס משפּט, האָבן זיך צוויי יונגעלייטלעך איבערן שטעטל אַרויסגעלאָזט מיט אַ לאַנגן פּאַ־פּיר חתימות קלייבן.

מילא חתימות האָט מען געגעבן — דאָס קאָסט דאָך קיין געל־

נישט; אַז ס'איז אָבער געקומען צו דער מטבע, האָבן זיך אַלע אָפּ־געשאָקלט. וואָס — האָט זיך איינער געוויצלט, — נאַר אַ רב טאַקע פעלט מיר.

אַ צווייטער האָט זיך גאָר צעלאַכט און געטענהט, אַז ר'וואָלט בעסער געגעבן געלט, אַז מ'זאָל אויף דעם מורה־הוראה פונם שטעטל צום רב קיין דייטשלאַנד איבערטראַנספּאָרטירן, זאָלן זיי דאָרטן זיצן ביידע, וועט זיי זיין היימלעך.

זענען די מתעסקים מיד געוואָרן און אינגאַנצן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער אַרבעט.

געקומען איז דער רב אָבער פאָרט אַהיים. ערגעץ אין דייטש־לאַנד האָבן יידן דעם צער נישט געקאָנט צוזען און אים אַ דער־לויבעניש אויסגעפּועלט און געלט אויף דער רייזע געגעבן.

און נאָך צוויי יאָר איז ער צוריקגעקומען קראַנק, אויסגע־מאַטערט און שטאַרק געעלטערט.

אין שטעטל האָט ער זיך שוין געפילט אַן איבעריקער. אַלע טאָג האָט מען אַנדערע אַסיפות געמאַכט פון וואַנען צו געפינען פאַר אים אַ מקור פרנסה, וואָס פלעגן זיך תמיד אויסלאָזן מיט גאָרנישט. דערווייל האָט ער געהונגערט, געפירט דעם גוף פון איין חולאת צו דער אַנדערער, ביז ר'האָט זיין נשמה צוריק אין היכל הנשמות אָפּגעשיקט.

אַ לוויה האָט מען אים געמאַכט אַ גרויסאַרטיקע. פון ערשטן ביזן לעצטן, קינד און קייט איז נאָך די מיטה נאָכגעגאַנגען און נישט געקאַרגט קיין שבחים...

און אַז מ'האָט דעם אָרון אין שול אַריינגעטראָגן און דער N.־ער רב האָט גענומען מספּיד זיין און דערביי מעורר זיין צו תשובה, — אָנגעהויבן אויסרעכענען, ווי ווייט דאָס שטעטל איז פאַר־זונקען אין די מ"ט שערי טומאה; ווי ווייט די תאווה צו געלט האָט זיי אינגאַנצן בלינד געמאַכט, אַז זיי זעען גאָרנישט וואָס ס'טוט זיך אַרום זיי; ווי זיי ווערן טאָג טעגלעך מגושמער און פאַרשטאָפּטער; פאַרגלייכט דאָס איצטיקע שטעטל צו דעם אַמאָליקן און אויסגע־שריגן: „קוק זיך אַרום, בית ישראל, ווו דו ביסט אין דער וועלט!“ האָט בײַ אַלעמען אין די מוחות עפּעס ווי אַ בליץ געטון. ס'האָט

זיך געהערט צווישן עולם אַ שטיל כליפּען. טייל זענען פאַרטראַכטע געשטאַנען און געקוקט שטאַר פאַר זיך, ווי זיי וואָלטן זיך מאַטערן פאַרשטיין די אמתע לאַגע זייערע... אין יענע מינוט איז אַלץ ווי־דער אַרויפגעשווומען אויפן זכרון: יענער פרימאָרגן פון אַוועקשיקן די מאָביליזירטע; יענע נאַכט, ווען דאָס שטעטל איז געשטאַנען אין פלאַמען; דאָס גאַנצע פוסטע נישטיקע לעבן מיט די פסלנותן, וואָס מ׳באַגייט צוליב דעם, האָט זיך פאַר די אויגן געשטעלט און גע־פרעגט: צו וואָס, צו ווען — צי לוינט עס?

נאָר דאָס אַלץ האָט געדויערט נאָר איין מינוט. צוריקגייענ־דיק פון דער לוויה, האָט זיך דער עולם באַלד פאַרקערעוועט צום נייעם בית־המדרש צו, ווו ס׳האָט גראָד געדאַרפט היינט אַן אַסיפה פאָרקומען וועגן אַראָפּוואַרפן דעם אַלטן קאָמיטעט... ס׳איז פאַר־שווונדן געוואָרן, ווי אַ רויך, דער הספד, דער טויטער רב, נישט געבליבן קיין שפּור פון אַ הרהור תשובה. אויף זייער אָרט האָט זיך אַ האָפענונג אַריינגעגנבעט, אַ האָפענונג, וואָס האָט אַזוי אָנגענעם געקיצלט אין דער ברוסט — אפשר, אפשר וועט מיר זיך דאָך היינט איינגעבן אין נייעם קאָמיטעט אַריינצוקריגן...

א שטראָל

אַ שטראַל.

זאַלקינד האָט זיך היינט, ווי אַלע טאָג, אויפגעכאַפּט פונם שלאָף פונקט אַכט אַזייגער און פויל געעפנט די אויגן.

ס'איז געווען אַ נעבלדיקער, פייכטער האַרבסט-מאָרגן. אין דרויסן איז געווען כמורנע, טונקל. אַ געדעכטער, טריבער רעגן האָט מיט שווערע טראָפּנס געקלאַפּט אין די שויבן. אַ שטאַרקער ווינט האָט מרה-שחורהדיק געברומט און געריסן די לאָדנס פון די פענצטער. שטיקער גרויער ברודנער הימל האָבן אין צימער אַריינ-געקוקט און אַלץ איז געווען ווי איינגעזונקען אין טיפן אומעט.

זאַלקינדן גלוסט זיך נישט אָנצוטון, ער וויל בעסער נאָך אַביסל ליגן אַזוי אין בעט, קוקן אויף דער סטעליע און קלערן.

ער אַרבעט דאָ שוין שיינע עטלעכע יאָר אַלס בוכהאַלטער אין דער גרויסער וואַסער-מיל, וואָס שטייט איינזאַם אויפן סטאַכאָד, ווייט פון אַ שטאָט, אויפן וועג צווישן פאַרשיידענע דערפער.

זומער איז דאָ שיין, — די גאַנצע סביבה איז באַדעקט, ווי מיט אַ גרינעם טעפּיך. אויף דער הימל איז דאָ בלויער ווי אומעטום. דאָס וואַסער פונם סטאַכאָד איז לויטער ווי קריסטאַל און אין זיין שפּיגל קוקט די זון מיט טויזנטער בלישטשנדיקע שטראַלן-אויגן. פון אַלע זייטן קומען צו פליען זינג-פייגל, און שלאָגן דאָ אייף זייערע נעסטן.

פאַרנאַכט שפּאַצירט זאַלקינד שטענדיק אַליין אויפן ברעג פונם סטאַכאָד, קוקט זיך איין אין קלאָרן וואַסער און הערט זיך צו

צום געזאַנג פון די פייגעלעך, וואָס דערטראָגט זיך צו אים פון אַלע זייטן. אין אַזעלכע מינוטן דאַכט זיך אים שטענדיק אויך, און די פייגלשע קולות, דער גערויש פון טייך און דאָס שטאַרקע קלאַפּן פון די וואַלצן, איז איין מעכטיקע נגינה פון דער נאַטור, וואָס באַזינגט איר דערוואַכונג.

טיילמאָל שווימען דאָ אַדורך בערלינקעס מיט האָלץ קיין דייטשלאַנד. דעמאָלט קומען נאָך צו די גראָבע נאָר קרעפטיקע שטימען פון די בורלאַקעס און פלעכט זיך אויך איין אינם גרויסן ליד פון דער אַרומיקער נאַטור. זאַלקינד קוקט זיי דאַן נאָך ווייט ווייט, ביז זיי ווערן לאַנגזאַם פאַרשוווּנדן. און עפּעס אַ טרויער פרעסט אים דאָס האַרץ, אַ מין פאַרנעפּלטע בענקעניש כאַפּט אים אַרום. נאָך וואָס? וואָס עגבערט אים אין ברוסט? ער באַגרייפט נישט, וואָס דאָס איז, נאָר עס ציט אים צו עפּעס אומבאַשטימטעס, פון וועלכן ער אַליין האָט נאָר אַ שוואַכע אַנונג וואָס ס'איז אַזוינס אייגנטלעך, וואָס אין אים קומט פאָר.

קומט אָבער דער האַרבסט, ווערט אַלץ ווי אָפּגעשטאָרבן. — די איינציקע ביימער, וואָס שטיין לעבן דער מיל, וואַרפן פון זיך אַראָפּ די לעצטע, דאַרע, געלע, פאַרוועלקטע בלעטער, וואָס וואַלגערן זיך, צעטרעטענע אין בלאָטע. האָבן מורא די פייגל און פליען אַוועק... דער סטאַכאָד ווערט אָנגעברוגזט, מיט אַ שרעקלעכן רעש לויפן זיינע וואַסערן, ווי זיי וואָלטן וועלן וואָס שנעלער אַנטלויפן פון דאַנען. די מיל-וואַלצן קלאַפּן אָן אויפהער אַזוי מאָנאָטאָן, אַזוי אומעטיק. און מאָפּס דער מיל-הונט, וואָס שטייט שטענדיק אָנגעבונדן אויף אַ לאַנגער אייזערנער קייט, לאָזט אַלע מאָל אַרויס אַ פאַרשטיקט דומפּיק בילעריי. די מיל זעט אויס איינזאַם, פאַרוואָרפן, פאַרשטעקט אין אַ זומפּ, פון וואַנען זי וועט זיך שוין קיינמאָל, דאַכט זיך, נישט קאָנען אַרויסשלעפּן...

אין אַזעלכע טעג דערשפּירט זאַלקינד זיין עלנט און פאַרוואָרפנקייט, די גאַנצע פּוסטקייט פון זיין לעבן.

איצטער ליגט ער און טראַכט — ווי געלאַנגווייליקט און פאַרוויסט ער שטופּט אַדורך זיינע בעסטע יאָרן, די יוגנט זיינע ווערט פאַראיינזאַמט דאָ — אין דער פּוסטקע, מיט יעדן אומדרייען זיך פון

די וואַלצן פאַרשווינדט נאָך אַ מינוט פון זיין וועלט אויף גאָרנישט, אָן נוצן פאַר זיך און פאַר יענעם

אַרום דער מיל וווינען נאָר עטלעכע קריסטלעכע אַרבעטער. זאַלקינד און פרומקין, וואָס רעכנט זיך פאַרן פאַרוואַלטער אין דער מיל און וווינט דאָ מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, די באַלעבאַטים פון דער מיל, צוויי בערדיטשעווער יידן, קומען אהער גאַנץ זעלטן — איין אָדער צוויי מאָל אין יאָר.

פרומקין איז אַ ייד אַ משכיל, וואָס רירט זיך נישט אַ טריט אָן סמאָלענסקינען אָדער גאָרדאָנען. פון די רוסישע שרייבער האָט ער אויך געלעזן פושקינען און גאָגאָלן, און אָן קרילאָווס אַ משל פאַרענדיקט ער קיינמאָל נישט קיין געשפרעך... פון די נייע שרייבער האַלט ער נישט. לויט זיינע רייד, האָט ער פון דער אַלטער העברעישער ליטעראַטור גענאַשט די ליבע צו דער נאַטור, וואָס האָט אים באַוועגט ר'זאָל זיך באַזעצן אין דער מיל, ווייט פון אַ שטאָט.

זאַלקינד קומט צו פרומקינען אין שטוב זייער זעלטן. איבערהויפט קאָן ער נישט ליידן פרומקינס ווייב, אַ יידענע אין די מיטעלע יאָרן, וואָס דערעסט אים תמיד מיט אירע שאלות — פאַר וואָס אַזאַ יונגערמאַן, ווי ער, זאָל אַזוי איינזאַם פאַרברענגען זיינע יאָרן און נישט טון קיין שידוך.

דערפאַר אָבער זיצט פרומקין כמעט שטענדיק, ווען ר'האָט נאָר צייט, בײַ אים און פירט מיט אים לאַנגע שמועסן. זאַלקינד שווייגט דאַן מערסטנטיילס, רייכערט אַ פאַפּיראָס נאָך אַ פאַפּיראָס און הערט זיך זעלטן איין, וואָס יענער רעדט.

פרומקין, וועלכער האָט ליב יעדן צו געבן אַ צונאָמען פון איינעם פון די העלדן פון די פאָר ביכלעך, וואָס ר'האָט געלייענט, — רופט אים „יעווגעני אָניעגין נומר צוויי" און שפּאַסט אָפּט איבער זיין אַפּאַטיע און לאַנגווייליקן זיך... זאַלקינדן פאַרדריסן זיינע ליצנות, הגם ער פאַרשווייגט זיי תמיד. איבערהויפּט איז ער אויפגעבראַכט אויף דעם צונאָמען — „יעווגעני אָניעגין" — וואָס פאַר אַ גרונט האָט ער אים מיט דעם נאָמען צו רופן? יענער איז געווען

גלייכגילטיק צום לעבן, אויס איבערפלוס, ווייל ער האָט צופיל אי־בערגעזעטיקט זיך דערמיט ביז ס׳איז אים פון האַלדז געקראָכן און ער, אַן אָרעמער יידישער יונגערמאַן, פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ מדבר, וואָס דורשט נאָך לעבעדיקייט, רייסט זיך דערצו מיט אַלע זיינע כוחות, און קאָן אַפילו קיין שאָטן דערפון, אַ חלום אַ שיינעם, אַן אילוזיע, כאָטש אויף איין שעה, נישט באַקומען.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן ניין און דערמאָנט זאַלקינדן, אַז ס׳איז שוין צייט זיך אָנצוטון. — אויפן מיל־הויף שטיין שוין פורלעך פון פויערן, וואָס האָבן אויף פוילע פערדלעך ביסלעך ווייץ אין מיל אַריינגעבראַכט. אָט די פויערמלעך וואַרטן שוין אויף אים און וועלן, ווי תמיד, די קוטשמעס אַראָפּציען און קראַצנדיק זיך אין נאַקן אַרויסשטאַמלען די אים שוין אַזוי גוט באַקאַנטע ווערטער: „אַך, ביעדאַ, פּאַניטש, פלאָכאַיאַ נינטשע דאָראָגאַ״ און דערנאָך וועט זיך אָנהייבן אַ לאַנגע סדרה פון אַרויסגעגעבן קוויטלעך שטענדיק מיטן זעלביקן נוסח — „פּריניאַטאָ״, „ווידאַנאָ״... און אַזוי וועט עס זיך ציען כסדר, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און שטענדיק דאָס אייגענע, ביז ער וועט אינגאַנצן דערטרונקען ווערן דאָ אינם זומפּ.

אין זעלביקן האַרבסט, אין איינעם פון די טריבסטע אָוונטן, איז זאַלקינד געזעסן באַ זיך אין צימער איבער אַ בוך. ער האָט זיך געמאַטערט צו פאַרשטיין עפּעס וואָס ער לעזט, נאָר די ווער־טער, גלייך ווי זיי וואָלטן אַרויסגעטאַנצט פון ביכל און געדרייט זיך פאַר זיינע אויגן.

עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שרעק. — אָט אַזוי האָט דער או־מעט אים אונטערגעגראָבן און שוין געמאַכט פאַר אַ טויגעניכטס. ס׳דאַכט זיך אים, אַז נאָך אַביסל און זיין מוח וועט אינגאַנצן פוסט ווערן און אָפּשטעלן זיין אַרבייט.

אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ שטאַרקער ווינט, וואָס איז צייטנווייז ענלעך געווען צו אַ ברומען פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה און

ציַיטנוויַיז צו אַ שטום קרעכצן פון אַ קראַנקן מענטש. די שוואַרצע נאַכט האָט פינצטער און מרה־שחורהדיק מיט קאַלטע טויטע אויגן אין פענצטער אַריַינגעקוקט. און איבער די ווענט פונם גרויסן האַלבֿ־לערן צימער האָבן שוואַרצע נאַכט־שאָטנס אַרומגעבלאָנדזשעט...

זאַלקינד האָט זיך אויפגעהויבן פון זייַן אָרט און אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן איבערן לאַנגן צימער, פאַררייַכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און די נודנעקייט איז געוואַקסן. אין מוח זענען אַרומ־געקראָכן שטיקלעך געדאַנקען, אָפּגעריסענע איינדריקן, זכרונות פון זייַן נישט־אינטערעסאַנטער אינהאַלטסלאָזער פאַרגאַנגענהייט.

זייַן גאַנץ לעבן, וואָס איז בײַ אים אַזוי טונקל אַדורכגעגאַנגען, האָט זיך אים אַצינד מיט זייַן גאַנצער ליידיקייט פאַר די אויגן געשטעלט, — נישט צומאָל איין גוטע דערינערונג, איין שטאַרקע אי־בערלעבונג, — אַלץ אַזוי גרוי און מאַט.

זאַלקינד איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום פענצטער, צוגעלייגט דעם שטערן צו דער קאַלטער, פייכטער שויב, און מיט דער גרעס־טער אָנשטרענגונג איינגעקוקט זיך אין פינצטערן רוים.

אַ געדעכטע פינצטערניש. דער הימל—ווי אַ שוואַרצע טוכענע דעק אויף אַ מתים־עגלה. אַ טרויעריקע איז די הויכע וואַסער־מיל געשטאַנען, וועלכע האָט זיך ווי אַריינגעפּרעסט אין דער געדעכטער נאַכט. אויפן הויף האָט מאַפּס טעמפּ געבילט. — זאַלקינד האָט זיך גוט איינגעהערט אין זייַן בילן און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַזעלכע האָפענונגסלאָזע קולות האָט ער נאָך קיינמאָל נישט גע־הערט. אַ דריקנדיקע שווערקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שווערקייט, פון וועלכער ס'גלוסט זיך דעם קאָפּ אין דער וואַנט צו צעקלאַפּן, אָדער אַנטלויפן ווו די אויגן טראָגן.

פּלוצלינג האָט עפּעס אַ געדאַנק אַ בלישטש געגעבן בײַ אים אין מוח, פאַר וועלכן ר'האָט זיך אַליין דערשראָקן, — אפשר וואָלט ער געפאָרן אויף דער נאָענטער סטאַנציע, וואָס געפינט זיך אַ וויאָרסט צען ווייט פון דאַנען, און דאָרטן אין בופעט זיך אָנגעטרונקען, אָנגע־טרונקען אַזוי, ביז צום פאַרלירן אַלע געדאַנקען.

ער האָט לאַנג נישט געטראַכט, אַריינגערופן סעמיאָנען—דעם

מיל־קוטשער — און געהייסן איינשפּאַנען די מיל־בריטשקע און פֿאָרן מיט אים אויף דער סטאַנציע.

נאָר אין מיטן וועג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ר׳איז צו ווייט פֿאַרפֿאָרן. אַ יידישער יונגערמאַן זויפֿט נישט, ווען ער פֿילט זיך אומגליקלעך, דאָס איז נאָר באַ זיי — באַ די אומות העולם. באַ אַ ייד קומט עס אַרויס אַ שלעכטע קאָפּיע, אַ קינסטלעכע נאָכמאַכונג... ביין, קיין אַלקאָהאָליקער, קיין שיכּור, וועט ער נישט ווערן, אַזוי ווייט פֿאַלן טאָר ער נישט... ער וועט ליבערש זיין האַרץ באַוווסט־זיניק אויף שטיקער צערייסן, איידער וואַלגערן זיך ווי אַ חזיר... און אָפּפֿאָרנדיק אַ וויאָרסט דריי פֿון מיל, האָט ער געהייסן סעמיאָנען אויסדרייען און צוריק אין מיל אַריין.

איינמאָל, אַריינקומענדיק צו פּרומקינען אין שטוב, האָט אים דאָס ווייב מיט שמחה דערציילט, אַז אין גיכן קומט צו זיי צו־גאַסט איר ברודערס אַ טאָכטער, אַ קורסיסטין פֿון קיעוו.

די ידיעה האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און ליגנדיק דערנאָך אויף זיין געלעגער, האָט ער אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. אין דער פֿאַרוואָרפֿענער וויסטע, וווּ מ׳זעט קיינמאָל, אַ חוץ די ברודיקע פּנימער פֿון די פּויערן פֿון די שכנותדיקע דערפֿער, קיין לעבעדיקן נפש נישט אָן, וועט זיך מיטאַמאָל באַווייזן אַ ניי פּנים, אַ קורסיסטין...

פֿון דעמאָלט אָן האָט ער שטענדיק געקלערט וועגן פּרומקינס שוועסטערקינד, וואָס דאַרף קומען, און וועלכע האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט אין פֿאַרשיידענע געשטאַלטן און קאָלירן.

איבערהויפּט האָט אים אינטערעסירט, וואָס זי — אַ מיידל פֿון קיעוו, פֿון אַזאַ גרויסער שטאָט, — קומט צו פֿאָרן פֿון רוישיקן לעבן אום האַרבסט אין אַזאַ וויסטע, וווּ מ׳זעט קיין מענטש פֿאַר די אויגן נישט אָן.

ר׳האָט אָנגעהויבן עפּטער אַריינצוקומען אַהין אין שטוב און קעגן זיין ווילן זיך נאָכגעפֿרעגט באַ פּרומקינס ווייב — ווען ס׳קומט שוין איר שוועסטערקינד. זי פֿלעגט אים דאַן ענטפֿערן מיט אַ

כיטרע שמייכעלע אויף די ליפּן, גלייך ווי זי וואָלט וועלן ווייזן, אַז זי איז נאָך אַ מבינה אויף אַזעלכע זאַכן: — „זייט רויק, הער זאַלקינד, זי וועט קומען אינגיכן"...

אָנגעקומען איז זי אומדערוואַרט, זי האָט פריער נישט מודיע געווען דעם טאָג, ווען זי וועט קומען און מ'האָט דעריבער די מיל־בריטשקע צום וואָקזאַל נישט אַרויסגעשיקט... אויף אַ פּויעריש פורל איז זי ביי טאָג פון באַן־סטאַנציע געקומען, בשעת זאַלקינד איז גראָד אויפן מיל־הויף געשטאַנען.

זאַלקינד האָט זי געזען אַראָפּשטייגן פונם פורל... אויך זי האָט אים באַמערקט, און אַ לייכטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר געזיכט, קענטיק דערפון, וואָס זי האָט אויך דאָ געטראָפן אַ יונגן מאַן. ער אָבער איז ווי צעמישט געוואָרן און ס'האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ, אַזוי, אַז ער האָט אַפילו איר געשטאַלט נישט געזען. ר'האָט נאָר באַמערקט, אַז זי איז נישט קיין הויכע, נאָר דאָך אַ שלאַנק, באַוועגלעך מיידל.

און נאָך דעמזעלבן פאַרנאַכט, אָפּפאַרטיקנדיק זיך פון דער אַרבעט, איז ער, גאָרנישט ווי זיין געוויינהייט, אַ לענגערע צייט אין שפּיגל געשטאַנען, זיין טואַלעט צורעכט געמאַכט און צו פרומקינען געגאַנגען.

אין שטוב איז געווען אַן אומגעוויינלעכע שטימונג. דער גרויסער הענג־לאָמפּ, וואָס ברענט נאָר יום־טוב, איז געווען אָנגעצונדן... אויפן טיש איז געלעגן אַ פריש־ווייס טישטוך, די קינדער זענען געווען אין ניַיע קאָסטיומלעך, די מיידלעך פאַרפלאָכטן די צעפּעלעך און אונטערגעבונדן מיט רויטע שטיקלעך באַנד... פרומקין אַליין איז אויך געווען מונטערער, אויפגעלייגטער; די באָרד פאַר־קעמט אין צוויי שפּיצן און בהרחבהדיק איז ער זיך געזעסן אויבן־אָן אויף אַ געבעטן פאָטעל־שטול און גערייכערט אַ ציגאַר... דאָס ווייב איז געווען שטאַרק פאַ־פּאָרעט אין קיך מיט פּרעגלען לאַטקעס. בלויז די קיעווער קוזינע איז געווען ערנסט און אויסגעזען מיד, הגם זי האָט זיך געסטאַרעט צו שמייכלען און ענטפערן אויף דאָס נאָכפרעגן זיך וועגן דער משפחה אין קיעוו. קענטיק, אַז זי איז

שטאַרק נישט געווען צופרידן מיט די צערעמאָניעס, וואָס מ׳מאַכט צוליב איר קומען.

פרומקין האָט זאַלקינדן פאָרגעשטעלט, צוגעבנדיק מיט אַ שמייכל — „דאָס איז אונדזער יעוגעני אָניעגין נומר צוויי״... זאַל־קינד האָט דערפילט, ווי דאָס בלוט האָט אים אַזש אַ זעץ געגעבן אין פּנים און האָט באַ זיך געטראַכט, וואָס פאַר אַן אַלטער ציניקער דאָס איז... ר׳האָט אים געוואָלט עפּעס אָפּענטפערן, וואָס זאָל אים באַצאָלן פאַר דער באַליידיקונג, נאָר, ווי שטענדיק, האָט ער גאָרגישט געקאָנט אויסגעפינען עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל כּדאַי זיין צו זאָגן.

ער האָט זיך געזעצט אָן אַ זייט טיש און זיך שטאַרק גע־לאַנגווייליקט... די געשפּרעכן האָבן זיך מייסטנס געפירט אויף פאַמיליען־טעמען. פרומקין האָט זיך אויסגעפרעגט אויף יעדן קרוב באַזונדער. זאַלקינד האָט געשוויגן ווי אַ פיש, געפילט זיך, ווי אין אַ קליאַטקע; נישט געהאַט וווּ די הענט אַהינצוטון און אַלע ווייַלע זיך געררויטלט.

פון די געשפּרעכן איז ער געוווּיר געוואָרן, אַז זי הייסט נינאַ, אָדער ווי פרומקינס ווייב רופט איר — נינאָטשקאַ, און איז אויפן צווייטן קורס אינעם היסטאָריש־פילאָלאָגישן פאַקולטעט. און אַז דאָרטן, אין קיעוו, איז איר זייער „סקוטשנע״ — דאָרט איז דער מענטש נישט מער, ווי אַ קליין זעמדעלע אויפן ברעג ים.

ער האָט שווייגנדיק זי באַטראַכט: — אַ חנעוודיק מיידל מיט אמתע יידישע געזיכטס־ציגן. נישט זייער קיין הויכע ברונעטקע מיט גרויסע שוורצע אויגן; אַ בלאַס עטוואָס מיד געזיכט; אַ לענגלעכע דינע נאָז און נישט קיין הויכע ברוסט.

ער איז געזעסן די גאַנצע צייט, ווי אויף הייסע קוילן און געפילט זיך אַן איבעריקער — אַ פינפטע ראָד אין וואָגן, און גע־דאַנקט גאָט, אַז ר׳איז שוין פון דאָרט אַוועק.

אינדערהיים איז ער לאַנג געלעגן אויף דער סאָפע און געטראַכט. אין גאַנצן קערפּער האָט ער געפילט אַן אָפּגעשפּאַנטקייט, ווי נאָך דער שווערסטער אַרבעט און אָנשטרענגונג. אין מוח האָט אים געשווינדלט, דער קאָפּ איז אים געווען שווער, ווי ער וואָלט געווען אָנגעפילט מיט בליי. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין: וואָס

פֿאַר אַ נאַרישע פֿיזיאָנאָמיע האָט ער עס היינט געהאַט! — אַ גאַנצע צייט געזעסן און געריייטלט זיך, ווי אַ קליינשטעטלדיקע כּלה, נישט אַרויסרעדנדיק קיין איין וואָרט. וואָס פֿאַר אַ מיינונג זי האָט איצט געוויס וועגן אים. זי טראַכט זיך געוויס — „אַ דיקאַר, אַן אָפּגעשטאַנענע דאָרפֿישע חיה“.

אַך, ווי אומעטיק ס'איז צו לעבן אויף דער נאַרישער וועלט; לאַנגווייליק און פּוסט. — נינאַ קלאָגט זיך, אַז אין קיעוו איז דער מענטש אַ קליין נישט אָנזעעוודיק שטויבעלע, און דאָ איז דער מענטש דער פֿאַרוואָרפֿענער קעניג פֿונם געמויזעכץ. אַלץ איין כּפּרה!

ער האָט נאָך לאַנג געטראַכט, בּיז ר'איז אַזוי איינגעשלאָפֿן אויף דער סאָפֿע נישט אויסגעטועגערהייט.

זאַלקינד האָט זיך נאָכדעם צוויי טעג נישט געוויזן פֿאַרן נייעם גאַסט.

אויפֿן דריטן טאָג, זיצנדיק פֿאַרנאַכט בּאַ זיך אין צימער, האָט ער דערהערט, ווי פֿון פֿרומקינס וווינונג דערטראָגן זיך צו אים אָפּגעהאַקטע קולות פֿון זינגען.

ר'האָט געעפֿנט די פֿורטקע פֿון זיין פֿענצטער און זיך גוט איינגעהערט—דאָס האָט זי, נינאַ, זיך לייריש פֿאַרגאַנגען אין פֿאַרשיידענע קליין־רוסישע לידער, וועלכע האָבּן טרויריק אָפּגעקלונגען און פֿאַרלוירן געגאַנגען אינם בּרייטן פּוסטן רוים. צאַרט האָבּן זיך געגאָסן די טענער און ס'האָט זיך געהערט אין זיי אַ טיפֿע נאָגעניש, אַ פֿאַרבּאָרגענע ליידנשאַפֿט.

אַך, ווי זי ליידט און בּענקט! — האָט זיך זאַלקינד געטראַכט — אַזוי זינגען קאָן נאָר אַ מענטש, וועמען ס'האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכער פּיין; אַ מענטש, וואָס האַלט אין איין זוכן און קאָן גאָרנישט געפֿינען.

ס'האָט אים אַרומגענומען אַ שטאַרקער פֿאַרלאַנג זי צו זען און כאָטש מיט אַ וואָרט איר אויסדריקן זיין דאַנק... זאַלקינד פֿלעגט איבּערהויפּט תּמיד זיך פֿילן דאַנקבּאַר דעם, וואָס ליידט, גלייך

ווי יענער וואָלט שוין מיט זיינע צרות אַליין אים גרינגער געמאַכט זיינע אייגענע ליידן, געוויזן, אַז ר'איז נישט איינער אויף דער וועלט.

ער איז אַריין צו פרומקינען אין שטוב. נינאַ איז געזעסן באַם טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט און אומבאַ־וועגלעך געקוקט פאַר זיך. זאַלקינד איז צו איר צוגעגאַנגען און פאַרווירט אַרויסגעשטאַמלט: „אַך, מיט וויפיל האַרץ איר זינגט!"

זי האָט קוים־באַמערקלעך אַ שמייכל געטון און געזאָגט: „אַבי מיין פעטער מיינט, אַז איר זענט יעוועגני אָניעגין, — איר קאָנט, דאַכט זיך, גאָר נישט קשה מאַכן קאָמפּלימענטן".

זאַלקינד האָט זיך פון דער באַמערקונג אַביסל פאַרלוירן. ער האָט געוואָלט איר איבערצייגן, אַז ער מיינט נישט קיין קאָמפּלי־מענטן; אַז איר זינגען... יאָ, אַז איר זינגען... נאָר, ווי שטענדיק, האָט ער אויך איצט נישט געקאָנט געפינען די פּאַסיקע ווערטער און געבליבן שטום.

זי האָט אים אָנגעוויזן אַ שטול לעבן זיך און געבעטן זיצן. ר'האָט זיך געזעצט און זי האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס, וועל־כער האָט זיך אין אָנהייב נישט געקלעבט, — ס'האָט זיך אין אים געפילט צופיל געקינסטלקייט. נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך אָנגע־הויבן פילן היימישער, פרייער; דער דיאַלאָג איז געוואָרן נאַטיר־לעכער, און אַז זאַלקינד איז אַוועק פון דאָרט, האָט ער זיך שוין געפילט מיט אַ נייער נשמה...

פון דעמאָלט אָן פלעגט ער שוין זיין גאַנצע פרייע צייט פאַרברענגען מיט איר. ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער איינגייער צו פרומקינען אין הויז. אויך נינא פלעגט אָפט צו אים אין זיין צימער אַריין קומען אַ בוך באָרגן, אָדער גלאַט שמועסן.

טיילמאָל פלעגט זי זיצן באַ אים און צימער און שטיל זינגען עפּעס אַ מאַלאָ־רוסישעס. אירע אויגן האָבן דעמאָלט געקוקט אַזוי ברייט צעעפנט און איר געזיכט פלעגט ווערן אַזוי דין, אַזוי פריש און פאַרטראַכט. און ער, זיצנדיק אַנטקעגן איר, האָט פלוצלינג

דערשפירט, ווי עפּעס רעגט זיך אין אים, הייבט זיך אויף, וואַקסט אויס אין אַ דיקע הויט, לייגט זיך אויף זיין מוח, פאַרציט זיך אים איבער די אויגן און פאַרשטעלט אים די לאָמפּ, דעם סופיט, אַלץ ווערט טונקל און אין דעם טונקל האַלט יעדע וואַנט אַ צוואַנג און שלעפּט אים צו איר, צו איר, נענטער צו איר, זי אַרומכאַפּן, זי איינפּרעסן אין זיינע אָרעמס—דעמאָלט וואָלט אים אַזו גוט געוואָרן אַזוי לייכט... נאָר באַלד פלעגט אַלץ צעשווומען ווערן... עס האָט אים אויסגעוויזן אַזוי ווייט, ווייט, אַזוי אוממעגלעך. ס׳דאַכט זיך אים, אַז ער וואָלט זי שרעקלעך באַליידיקט: אַ מיידל פאַרטרויט אים, זיצט מיט אים אַליין אין זיין צימער און ער זאָל אַזוי גראָב זיין... און ער פלעגט זיך באַהערשן און בייסן די ליפּן...

איינמאָל אָוונט, ווען זיי זענען ביידע געזעסן באַ אים אין צימער, האָט זאַלקינד איר דערציילט וועגן דער פּוסטקייט פון זיין איינאַרטיק לעבן, וועגן דער לאַנגווייליקייט און אומעט, וואָס יאָגט אים אומעטום נאָך.

זי האָט ברייט געעפנט אירע שוואַרצע אויגן און אָנגעקוקט אים מיט אַ שטאַרן בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט: אי מיטלייד, אי באַדויערן.

„אָך, הער זאַלקינד,—האָט זי שטיל, נאָר פעסט געזאָגט,—צו וואָס טויג אונדז דער זויערער פּעסימיזם. נאָך וואָס ציען מיר אַליין אַרויף אויף אונדזערע פּלייצעס די קייטן פון יאוש, ווען די וועלט איז אין אמתען גאָרנישט אַזוי העסלעך... דערמאָנט זיך, אַז טויזנטער מיליאָנען יאָרן זענען אַוועק, ביז מיר זענען אין לעבן אַריינגעטרעטן, און נאָך טויזנטער יאָרן וועלן אוועק נאָך אונדזער דאָ-זיין, און אין מיטן איז נאָר דאָ אַזאַ קליינער אומבאַדייטנדיקער הפסק פון אונדזער עקזיסטענץ, אַ פּויזע, וואָס איז אין פאַרגלייך מיט אונדזער „נישט-זיין" נאָר אַ קערנדל, אַ שטרויעלע. שוין זשע זאָל אונדז אויך די סעקונדע צופיל זיין, און דאָס שטרויעלע זאָל אונדז אויך צו לאַנג זיין"!?

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט, און אַריינקוקנדיק אים ערנסט אין די אויגן, האָט זי צוגעגעבן: „אומענדלעכקייט, גליק, — דאָס זענען אַלץ זאַכן, וואָס עקזיסטירן נאָר

אין אונדזער פאָרשטעלונג... איר פאַרשטייט, הער זאַלקינד, דאָס זענען פּירות פון דעם בוים פאַנטאַזיע... מיר דאַרפן אַלזאָ נאָר ווען, און עס עקזיסטירט פאַר אונדז נאָר די אייביקייט און דאָס לעבן, און דעמאָלט ווערט דאָס „נישט-זיין" אַוועקגערוקט גאָר ווייט, ווייט"...

זי איז געשטאַנען לעבן אים אַזוי נאָענט, אַז ר׳האָט אַזש דער-פילט אויף זיין געזיכט איר ברענענדיקן אָטעם און די באַרירונג פון אירע קליידער. ער איז געוואָרן ווי פאַרשכורט און נישט זיי-ענדיק ביכולת זיך אָפּצוגעבן אַ רעכנונג פון דעם וואָס ער טוט, האָט ער איר אַרומגעכאַפּט מיט זיינעביידע אָרעמס און פעסט צו-דריקנדיק איר צו זיין ברוסט, האָט ער אַליין נישט געפילט, ווי זיי-נע ליפּן קלעפּן אויף אירע באַקן, פאַלן איר אין די האָר, אין די אויגן; ער האָט בלויז געשפירט ווי אין זיין צעגראָבענעם געמיט ווערט ביסלעכווייז גלאַטיק, ווייך, אַלץ גלייכט זיך אויס...

ס׳זענען שנעל, ווי אין אַ זיסן טרוים, אַדורכגעפלויגן אַכט וואָכן און די קורסיסטין האָט זיך גענומען קלייבן אַוועקצופאָרן.

און איינמאָל בייטאָג, ווען זאַלקינד איז געווען בא זיך אין צימער, האָט זיך האַסטיק די טיר געעפנט. ס׳איז אַריינגעקומען נינאַ.

זי האָט אויסגעזען עטוואָס בלייכער, די אויגן אירע גרעסער געעפנט, איר שטימע האָט עטוואָס נערוועז געציטערט:

— זאַלקינד,—האָט זי געזאָגט,—איר ווייסט — כ׳פאָר היינט אַוועק פון דאַנען.

ער איז אַ צעטומלטער אויפגעשפּרונגען און געקוקט אויף איר מיט איבערגעשראָקענע אויגן, ווי באַ אַ האָז.

— איר שפּאַסט, נינאַ?

— ניין, גאַנץ ערנסט, האָט זי, אַוועקדרייענדיק דאָס פּנים פון אים געענטפערט.—כ׳פאָר אין צוויי שעה אַרום. כ׳אייל מיך, כ׳מוז גאָך מיין באַגאַזש איינפּאַקן און געזעגענען זיך מיט אַלע. אויב איר ווילט, פאָרט מיט אויפן וואָקזאַל... נו, אויף ווידערזען!

זי איז שנעל אַרויס פון זיין צימער און זאַלקינד, ווי עמעצער וואָלט אים פלוצלינג אַ שטאַרקן זעץ איבערן קאָפּ געגעבן, האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, פאַרזונקען אין טרויעריקסטע מחשבות.

ער האָט אויפגעוואַכט ערשט שפּעטער, ווען נינאַ, שוין ריי־זע־פאַרטיק, האָט אים אָנגעקלאַפּט אין פענצטער: „איר זענט שוין פאַרטיק?"

ער האָט שנעל אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ וואַרעמען פּאַלטן, אַרויס אויפן מיל־הויף און זיך אין שליטן אַריינגעזעצט.

ס'איז שוין געשטאַנען דעמאָלט דער ווינטער אַ ווייסער און אַ שטרענגער. די גאַנצע געגנט איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. דער סטאַוו האָט זיך מיט אַ גרייע אייז־דעק באַדעקט און די מיל האָט דעריבער איר אַרבעט אָפּגעשטעלט, — אַ שטילע איז זי געשטאַנען און רויק זיך געקוקט אין ווייטן האָריזאָנט, גלייך ווי ס'וואָלט איר זייער הנאה טון, וואָס זי האָט דאָך אַמאָל איר דומפּיק, אומאויפהערלעך קלאַפּן אָפּגעשטעלט... דאָ און דאָרט זענען איינזאַמע ביימער געשטאַנען, באַדעקט מיט שניי, די צווייגן פאַרפרוירן, די קעפּ אַראָפּגעלאָזן און האָבן אויסגעזען ווי שלאָפעדיקע. אומענדלעכע שניי־ פעלדער האָבן זיך ווייט, ווייט אויסגעשפּרייט און מיט די הימלען זיך צענויפגעגאָסן. אַלץ איז געווען ווייס, שטיל און רויק, נאָר סטאַיעס שוואַרצע קראָען פלעגן צייטנווייז שטערן מיט זייער קראַ־קראַ־מוזיק... סעמיאָן, דער קוטשער, האָט לאַנגזאַם און פויל די פערדלעך געטריבן, סטראַשנדיק זיי פון צייט צו צייט מיט דער בייטש און שרייענדיק: „נו, רעביאַטאַ, הייטאַ, ווישטאַ!"

זיי זענען אָפּגעפאָרן כמעט דעם גאַנצן וועג אין טיפער שטילקייט, נישט אַרויסרעדנדיק קיין איין וואָרט... זאַלקינד האָט געפילט, אַז ער האָט איר אַזוי פיל צו זאָגן און קאָן דאָך דאָס מויל נישט עפענען. — ס'האָבן אים די טרערן געשטיקט און ר'האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך נאָך צעוויינען, אויב ער וועט פּרווון רעדן.

ערשט, אַז זיי זענען שוין געווען נאָענט פון דער באַן־סטאַנציע,

האָט זיך נינאַ פלוצלונג צו אים אָנגעבויגן און אים אַ הייסן קוש געגעבן אין די ליפּן.

— זאַלקינד, האָט זי אָנגעהויבן, זייט נישט אַזוי טרויעריק. — אין לעבן איז נאָר שיין דאָס, וואָס איז מעטעאָריש, וואָס לויפט שנעל אַדורך. וואָס ס׳געדויערט לאַנג, ווערט באַ אונדז כראָניש, איר פאַרשטייט? קליינלעך ווערט עס און אָפטמאָל זאָגאַר גראָב. ס׳ברענגט נאָר אַנטוישונגען.

אַז ר׳איז צוריקגעפאָרן אין מיל אַריין, איז שוין געווען פאַר־נאַכט... דער פראָסט איז געווען שטאַרקער, דער שניי האָט אונ־טערן שליטן געסקריפּעט. די לופט איז געווען אומבאַוועגלעך און געדעכט. אין מערב־זייט האָט זיך לאַנגזאַם געלאָשן אַ רויט־בלוטיקער פלעק, די פאַרגייענדיקע ווינטערדיקע זון, וועלכע איז אין אַ ווייליע אַרום אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן און איר אָרט האָט פאַרנומען די פינצטערע, אומבאַוועגלעכע נאַכט. זאַלקינד האָט זיך גוט איינגע־קוקט אינעם לעשנדיקן רויטן פלעק און געטראַכט, אַז אייגנטלעך גייט דאָרטן אונטער זיין אייגן לעבן, אַז דער שטראַל, וועלכן נינאַ האָט אַריינגעטראָגן אין זיין פינצטערער וועלט, וועט אין גיכן אויסגעלאָשן ווערן און די שרעקלעכע איינזאַמקייט און פאַרוואָרפנ־קייט וועט ווידער אים באַהערשן. איצט וועט זיך ווידער אָנהייבן אַ רייע טעג: גרויע, פּוסטע, איינער ענלעך צום צווייטן...